סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ ראֹשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## חַג הַשָּׁבוּעוֹת

תשפ"ג

301

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


**נדפס ע"י**
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י**
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

**קול ברסלב**
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קִינְד וָואס וַוארְפְּט צוּרִיק אַ קָאמְפְּלִימֶענְט?...........................א

אַז עֶס אִיז אַזוֹי גֶעפֶּערְלִיךְ, קֶען אִיךְ נָאךְ תְּשׁוּבָה טוּן?...........................ב

מֶעג מֶען זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט נִישְׁט גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער וֶוען מֶען וַוארְט אַ שִׂמְחָה?...........................ד

אִיךְ בִּין אַ גָרוּשׁ, זָאל אִיךְ בְּלַייבְּן וואוֹינֶען בַּיי מַיין מַאמֶע?...........................ו

וִוי אַזוֹי מַאךְ אִיךְ מַיין טַאטֶע זָאל מַסְכִּים זַיין אִיךְ זָאל פָּארְן קַיין אוּמַאן?...........................ז

וָואס טוּט מֶען מִיט אַ מַאן וָואס אִיז נָאכְגֶעלָאזְט?...........................ט

מֶעג אִיךְ לֶערְנֶען מוֹהַרָא"שְׁ'ס סְפָרִים, אוֹיבּ הָאט עֶר גֶעלָאזְט גֵיין צוּ בְּחִירוֹת?...........................י

פַארְוָואס בִּין אִיךְ אַזוֹי פֶּעשׁ אוּן אִיךְ שְׁוִויץ אַזוֹי סַאךְ?...........................טו

מוּז מֶען סֶערְוִוירְן דִי פְלֵייש-טֶעלֶער פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס?...........................יז

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְן מְחַזֵק זַיין אִינְגֶעלַייט וָואס פַאלְן נֶעבֶּעךְ...........................יט

פַארְוָואס נָאר אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין קִינְדֶער?...........................כג

וִוי אַזוֹי הֵייבּ אִיךְ אָן פוּן פְרִישׁ, וֶוען אִיךְ פַאל כְּסֵדֶר צוּרִיק?...........................כד

וִוי אַזוֹי פּוֹעֵל אִיךְ בַּיי מַיין וַוייבּ זִי זָאל פּוּצְן דִי זִילְבֶּער?...........................כז

אִיז דָא אַ פַאל וָואס מֶען דַארְף גֶעבְּן רִיטֶעלִין פַאר אַ קִינְד?...........................כט

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער פוּן דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן זַיין אֵיידְל אוּן עֶרְלִיךְ...........................א

נֶעמְט זִיךְ פָּאר אַ גוּטֶע זַאךְ אִין צְנִיעוּת, צוּ וֶוערְן אִינְגַאנְצְן גֶעזוּנְט...........................ב

מַאךְ דַיין טָאכְטֶער אַ כַּלָה, רַאטֶעוֶוע אִיר וִוי לַאנְג זִי אִיז עֶרְלִיךְ אוּן רֵיין...........................ב

לָאז זִיךְ נִישְׁט נָאךְ, נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ...........................ג

וִויפִיל צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער אִידְן זֶענֶען זִיךְ מִתְעוֹרֵר לִתְשׁוּבָה פוּן דַיין אַלְבּוֹם...........................ד

אַז מֶען הִיט נִישְׁט דִי הֲלָכוֹת, בְּרֶענְגְט מֶען צָרוֹת אוֹיף זִיךְ אוּן אוֹיף דִי שְׁכֵנִים...........................ה

רֶעד צוּ דַיין וַוייבּ אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּם חָשׁוּבְ'סְטְן מֶענְטְשׁ...........................ה

פְלֶעכְטְס אַרַיין אִינְמִיטְן דִי פְּסוּקִים, אַייעֶרֶע אֵייגֶענֶע תְּהִלִים וֶוערְטֶער...........................ו

אַלֶע צַדִיקִים הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעמוּטְשֶׁעט צוּ וֶוערְן וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן...........................ז

אַז דוּ נֶעמְסְט דְרָאגְס, זָאלְסְטוּ מֶער נִישְׁט קוּמֶען צוּ מִיר........................ח
עֶס אִיז כְּדַאי דִי שְׁוֶוערִיקַייטְן, אַז קִינְדֶער זָאלְן בַּאקוּמֶען אַ וַוארֶעמֶע חִינוּךְ........ח
דַיין וַוייבּ זָאל בַּאשְׁלִיסְן אוֹיבּ זִי ווִיל עֶס נֶעמֶען........................ט
דִי קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים וֶועט אַייךְ בְּרֶענְגֶען אַלֶע יְשׁוּעוֹת........................ט
אַכְטוּנְג גֶעבְּן מֶען זָאל נִישְׁט קֶענֶען קוּקְן מָאווִיס אִינֶעם קִיאַסְק........................י
אַרְבֶּעטְן אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז נִישְׁט בַּאקְוֶועם, צוּ בַּאצָאלְן דִי חוֹבוֹת........................י
מֶען קֶען אַרְבֶּעטְן אוּן זַיין גוּט צוּגֶעבִּינְדְן צוּ דִי יְשִׁיבָה........................יא
אֵיינֶער דַארְף נֶעמֶען אַחְרָיוּת אַז דֶער גִלְיוֹן זָאל זַיין גוּט אִיבֶּערְגֶעטַייטְשְׁט........................יב
שְׁמִירְט נִישְׁט דִי נֶעגְל........................יב
עֶס אִיז נָארְמַאל אַז קְלֵיינֶע קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט וֶועלְן גֵיין אִין חֵדֶר........................יג
עֶס הָאט נִישְׁט מִיט מִיר, עֶר פָּאלְגְט מִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט........................יג
זַיי מְחַזֵק דִי מְלַמְדִים זֵיי זָאלְן זַיין צַייטְלִיךְ, אַפָּאר מִינוּט פַאר דִי צַייט........................יד
נִישְׁט אַרַיינְטְרֶעטְן אִין אַ פְּלַאץ וואוּ עֶס דְרֵייעֶן זִיךְ לֵצִים........................יד
וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן, אִיר וֶועט זֶען נַחַת בַּיי אַלֶע קִינְדֶער........................טו
נֶעם נִישְׁט קַיין בָּחוּרִים שְׁלָאפְן בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ........................טז
אַ מְלַמֵד אוּן אַ לֶערֶערִין דַארְפְן זַיין גוּט אוֹיסְגֶערוּט........................טז
דֶערְהַאלְטְס זִיךְ מִיט אַלֶע אַייעֶרֶע כֹּחוֹת........................יז
וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז נִישְׁט צוּגֶעבִּינְדְן צוּם טֶעלֶעפָאן........................יח
דוּ לֶעבְּסְט נִישְׁט, בִּיסְט פַארְנוּמֶען רוֹב טָאג מִיט דַיין טֶעלֶעפָאן........................יט
יְיַשֵׁר כֹּחַ פַארְ'ן מְנַדֵב זַיין דֶעם בִּנְיָן 'הֵיכַל רָאזֶענְבֶּערְג' אִין שְׁטֶעטְל........................יט
דִי לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר זָאל נִישְׁט שְׁטֶערְן דִי צֶענְטֶערַאלֶע מִנְיָן מִנְחָה מַעֲרִיב........................כא
עֶס אִיז נַארִישׁ צוּ רֶעדְן בַּיי דִי בֶּעשָׂאוּ וואוּ מֶען גֵייט שִׁיקְן דִי קִינְדֶער........................כא
שִׁיקְט אִין אַן עֶרְלִיכֶע מוֹסָד, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין סְתִירָה מִיט הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ........................כג
אִיךְ מַאךְ נִישְׁט קַיין סִידוּר קִידוּשִׁין........................כג
דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה אִיז אַז מֶען אִיז נִישְׁט קַיין גוֹי........................כד
אִיר זָאלְט שְׁפִּילְן מִיט דִי וָואס ווִילְן שְׁפִּילְן מִיט אַייךְ........................כה
אַ מַאן וָואס לֶערְנְט אוּן הָאט יִרְאַת שָׁמַיִם, אִיז מֶער ווִי קְלֵיידֶער אוּן צִירוּנְג........................כו
מִיט שִׂמְחָה וֶועט זִיךְ עֶפֶענֶען דִי הִימְל אוּן אִיר וֶועט זֶען נִיסִים........................כז
עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, אִיז דִי אֶמֶת'ע עֲשִׁירוּת........................כז
אוֹיבּ מֶען גֵייט אַוֶועק פוּן דִי עֶלְטֶערְנ'ס וֶועג, וָואס וֶועט זַיין מִיט דִי קִינְדֶער?........................כח

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קִינְד וָואס וַוארְפְט צוּרִיק אַ קָאמְפְּלִימֶענְט ?**

**שְׁאֵלָה :**

לְכָבוֹד דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵד, אוּן אִיךְ פְּרוּבִיר צוּ לֶעבְּן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

אִיךְ וִויל פְרֶעגְן וָואס צוּ טוּן מִיט אַ אִינְגְל אִין מַיין קְלַאס וָואס יֶעדֶעס מָאל וֶוען אִיךְ גֶעב אִים אַ קָאמְפְּלִימֶענְט, אִינְמִיטְן דַאוֶונֶען, אָדֶער לֶערְנֶען - אַז עֶר דַאוֶוענְט אָדֶער לֶערְנְט שֵׁיין, אָדֶער סֵיי וָואס - וַוארְפְט עֶר אַלְץ צוּרִיק דִי קָאמְפְּלִימֶענְט, אוּן לְכָבוֹד דֶעם הֶערְט עֶר גָאר אוֹיף צוּ טוּן דִי גוּטֶע זַאךְ וָואס עֶר טוּט.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה :**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בְּהַר בְּחוּקוֹתַי, כ׳ אִיָּר, ל״ה לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד הַמְלַמֵד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס וֵוייסְן נִישְׁט וִוי אַזוֹי צוּ נֶעמֶען גוּטֶע וֶוערְטֶער, אוּן וֶוען זֵיי הֶערְן גוּטֶע וֶוערְטֶער, אַנְשְׁטָאט דָאס אַרָאפְּשְׁלִינְגֶען – וֶועלְן זֵיי אָנְהוֹיבְּן טוּן מָאדְנֶע זַאכְן, אָדֶער דָאס פַּארְקֶערְטֶע.

אַז דֶער קִינְד טוּט פִּינְקְט פַּארְקֶערְט – זָאלְסְטוּ אִים גֶעבְּן דִי קָאמְפְּלִימֶענְטְן פְּרִיוַואט, גֶעב אִים נִישְׁט קַיין קָאמְפְּלִימֶענְטְן בָּרַבִּים ; פְּרִיוַואט וֶועט עֶר דָאס קֶענֶען פַּארְדֵייעֶן.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אַז עֶס אִיז אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ, קֶען אִיךְ נָאךְ תְּשׁוּבָה טוּן?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דֶעם שַׁארְפְן בְּרִיוו [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו], אִין וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן זֵייעֶר שַׁארְף אַז אִיךְ וֶועל עֶנְדִיגְן מַיין לֶעבְּן אִין תְּפִיסָה, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט מִיךְ פַארְשֶׁעמֶען פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן אוֹיבּ אִיךְ בִּין שׁוֹין טַאקֶע דֶערְנָאךְ, אָדֶער אִיז נָאךְ דָא פַאר מִיר אַ וֶועג תְּשׁוּבָה צוּ טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת בְּהַר בְּחוּקוֹתַי, כ' אִיָּר, ל"ה לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ג

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַוַדַאי קֶענְסְטוּ תְּשׁוּבָה טוּן, דוּ מוּזְט תְּשׁוּבָה טוּן, אוּן אַז דוּ וֶועסְט תְּשׁוּבָה טוּן - וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר מוֹחֵל זַיין. אִיךְ הָאבּ דִיר נִישְׁט גֶעשְׁרִיבְּן אַז דוּ קֶענְסְט נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן, אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַז אוֹיבּ דוּ וֶועסְט נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן - וֶועסְטוּ עֶנְדִיגְן דַיין לֶעבְּן אִין תְּפִיסָה, דוּ וֶועסְט זִיךְ טְרֶעפְן אֵיינֶער אַלֵיינְס, אָן קַיין וַוייבּ אוּן אָן דִי קִינְדֶער, קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִיר, אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט קַיין פְרַאגֶע, אַוַדַאי הֶעלְפְט תְּשׁוּבָה; אוֹיף יֶעדֶע עֲבֵירָה הֶעלְפְט תְּשׁוּבָה.

דִי עֲבֵירָה פוּן נָאכְלוֹיפְן בָּחוּרִים וְכוּ' - אוֹיף דֶעם קוּמְט סְקִילָה (וַיִּקְרָא כ, יג; רַמְבַּ"ם אִסּוּרֵי בִּיאָה פֶּרֶק א, הֲלָכָה יד, טו). בִּזְמַן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ הָאט מֶען גֶענוּמֶען אַזַא

אֵיינֶעם, אַרוֹיפְגֶעטְרָאגְן אוֹיפְן צְוֵוייטְן שְׁטָאק און אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן אָן קַיין רַחְמָנוּת, און אוֹיבּ אִיז עֶר נִישְׁט גֶעשְׁטָארְבְּן, הָאט מֶען גֶעוָוארְפְן אוֹיף אִים שְׁטֵיינֶער בִּיז עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן; אַזוֹי הַארְבּ אִיז דִי עֲבֵירָה.

אַז דוּ ווילְסְט תְּשׁוּבָה טוּן, אִיז דָאס עֶרְשְׁטֶע זַאךְ - אָפְּלָאזְן דָאס שְׁלֶעכְטְס, דָאס מֶער נִישְׁט טוּן; נִישְׁט צוּרִירְן קַיין בָּחוּר, נִישְׁט צוּרִירְן קַיין קִינְד. צְוֵוייטְנְס, קוֹיף יֶעצְט אַ טִיקֶעט און פָאר שׁוֹין קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן, דָארְט זָאלְסְטוּ גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה און זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ]. דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט מִיט צְוֵוי עֵדִים, וֶוער עֶס וֶועט דָאס טוּן וֶועט עֶר יֶענֶעם פַארְרֶעכְטְן, אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעטוּן דִי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכה): "אִיךְ וֶועל זִיךְ לֵייגְן אוֹיף דִי לֶענְג און אוֹיף דִי בְּרֵייט אִים אַ טוֹבָה צוּ טוּן, בַּיי דִי פֵּאוֹת וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית".

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה, גֵיין פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת; דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער תִּיקוּן צוּ פַארְרֶעכְטְן דִי עֲבֵירָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

[דֶער בְּרִיווּ צוּ וֶועלְכֶע דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע שְׁאֵלָה בַּאצִיט זִיךְ:

**אוֹיבּ דוּ טוּסְט נִישְׁט תְּשׁוּבָה וֶועסְטוּ הָאבְּן אַ בִּיטֶערְן סוֹף**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ט' אִיָּיר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווילְסְט עֶנְדִיגְן דַיין לֶעבְּן אִין תְּפִיסָה? וָואס אִיז מִיט דִיר?! דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת נִיאוּף, סִימָן לג): "וֶוער עֶס טוּט דִי עֲבֵירָה פוּן מִשְׁכַּב זָכָר, וֶועט צוּם סוֹף אָנְקוּמֶען אִין תְּפִיסָה"; נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שָׁם חֵלֶק ב', סִימָן ח): "מֶען טָאר נִישְׁט מְלַמֵּד זְכוּת זַיין אוֹיף אֵיינֶער וָואס זִינְדִיגְט אִין דִי עֲבֵירָה פוּן מִשְׁכַּב זָכוּר".

דו מֵיינְסְט אַז מֶען קֶען זִיךְ בַּאהַאלְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בַּמִּדְבָּר רַבָּה ט, א): "הַנּוֹאֵף אוֹמֵר, אֵין בְּרִיָּה יוֹדַעַת בִּי, לְפִי שֶׁכָּל מַעֲשָׂיו אֵינָן אֶלָּא בַּחֹשֶׁךְ", אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז עֶר קֶען זִיךְ בַּאהַאלְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער? "וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְפַרְסְמָן בָּעוֹלָם", עֶר פַארְשֶׁעמְט אִים פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

וָואס אִיז מִיט דִיר, דו הָאסְט דָאךְ אַ וַוייבּ מִיט קִינְדֶער; דו ווִילְסְט דַיין וַוייבּ זָאל דִיךְ אִיבֶּערְלָאזְן? דו ווִילְסְט דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט רֶעדְן מִיט דִיר? אוֹיבּ דו טוּסְט נִישְׁט תְּשׁוּבָה זָאג אִיךְ דִיר יֶעצְט פוּן פָארְאוֹיס ווִי אַזוֹי דַיין סוֹף וֶועט זַיין, דו וֶועסְט גָארְנִישְׁט הָאבְן; נִישְׁט דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט יֶענֶע וֶועלְט.

[...

## מֶעג מֶען זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט נִישְׁט גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער וֶוען מֶען וַוארְט אַ שִׂמְחָה?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין וֶוערְטֶער צוּ בַּאדַאנְקֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר אַלֶע חִיזוּק.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ מֶען מֶעג קוּקְן אוּן זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט נִישְׁט גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער, קִינְדֶער מִיט דַאוּן סִינְדְרָאם לֹא עָלֵינוּ - אִין דִי צַייט וָואס מֶען וַוארְט אַ שִׂמְחָה, אָדֶער קֶען דָאס שָׁאטְן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ד אִיָּר, ל"ט לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ג

לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם צוּ קוּקְן אוֹיף דִי סָארְט קִינְדֶער, דֶער עִקָּר נִישְׁט קוּקְן אוֹיף טָמֵא׳נֶע זַאכְן; הִינְט, קֶעץ, מָאוִויס וְכַדוֹמֶה, אָבֶער אוֹיף דִי סָארְט קִינְדֶער, וָואס הָאבְּן הֵיילִיגֶע רֵיינֶע נְשָׁמוֹת - אִיז נִישְׁט קַיין שׁוּם פְּרָאבְּלֶעם צוּ זַיין מִיט זֵיי.

מֶען דַארְף אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל הָאבְּן גְרִינְג אוּן מֶען זָאל הָאבְּן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, אוּן זָאגְן שֵׁמוֹת הַצַּדִּיקִים. מוֹהֲרָא״שׁ שְׁרַייבְּט פַּאר אַלֶע וָואס פְּרֶעגְן וָואס מֶען זָאל טוּן, וָואס פַּאר אַ סְגוּלָּה מֶען זָאל מַאכְן צוּ הָאבְּן גְרִינְג דָאס קִינְד; מֶען זָאל זָאגְן שֵׁמוֹת הַצַּדִּיקִים אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים - זָאל מֶען הָאבְּן גְרִינְג דָאס קִינְד. וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת צַדִּיק חֵלֶק ב׳, סִימָן כ): ״עַל יְדֵי הַזְכָּרַת שֵׁמוֹת הַצַּדִּיקִים יְכוֹלִים לְהָבִיא שִׁנּוּי בְּמַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית, כְּלוֹמַר לְשַׁנּוֹת הַטֶּבַע״, דוּרְכ׳ן דֶערְמַאנֶען דִי נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים - קֶען מֶען טוּישְׁן דִי טֶבַע.

דֶערִיבֶּער אִיז גוּט מֶען זָאל זָאגְן כְּסֵדֶר דִי נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים וָואס מֶען גֶעדֶענְקְט אוֹיסְנְוֶוייניג, צוּם בֵּיישְׁפִּיל: אַבְרָהָם, יִצְחָק, יַעֲקֹב, מֹשֶׁה, אַהֲרֹן, יוֹסֵף, דָוִד אוּן שְׁלֹמֹה, רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, רֶבִּי יִצְחָק לוּרְיָא אַשְׁכְּנַזִי, רֶבִּי יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב, רֶבִּי נַחְמָן בֶּן פֵיגָא מִבְּרֶסְלֶב, רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן נָאךְ נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים וָואס מֶען גֶעדֶענְקְט, אוּן נָאכְדֶעם זָאל מֶען זָאגְן דִי תְּפִלָּה: ״יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ אָבִי שֶׁבַּשָּׁמַיִם, אִין דִי זְכוּת וָואס אִיךְ הָאבּ דֶערְמַאנְט דִי נֶעמֶען פוּן דִי צַדִיקִים, בִּזְכוּת זֵייעֶר תּוֹרָה, זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים אוּן זֵייעֶר מְסִירַת נֶפֶשׁ, ווִי זֵיי הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דַיינֶעט וֶועגְן, זָאלְסְטוּ מִיר הֶעלְפְן אִיךְ זָאל גֶעבּוֹירְן גְרִינְג אַ גֶעזוּנְט קִינְד בְּרַמַ״ח אֵיבָרִים וּשְׁסָ״ה גִידִים; אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין אַרִיבֶּער צוּ גֵיין דִי אַלֶע טֶעג וָואס אִיךְ וַוארְט גְרִינְגֶערְהֵייט. נֶעם אַוֶועק פוּן מִיר אַלֶע מִינֵי עַיִן הָרַע׳ס אַז קֵיינֶער זָאל מִיךְ נִישְׁט קֶענֶען שֶׁעדִיגְן. הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער וָואס וֶועלְן טוּן דַיין ווִילְן זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן, אִיךְ זָאל אֵייבִּיג טוּן נָאר גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ וֶועסְט הָאבְּן פוּן דֶעם אַ נַחַת רוּחַ, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ, יְ״יָ צוּרִי וְגוֹאֲלִי, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן״.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**...**

**אִיךְ בִּין אַ גְרוֹשׁ, זָאל אִיךְ בְּלַייבְּן וואוֹינֶען בַּיי מַיין מַאמֶע?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ גְרוֹשׁ, אִיךְ וואוֹין דֶערְוַוייל בַּיי מַיין מַאמֶע אִינְדֶערְהֵיים, אָבֶּער אִיךְ קוּם זִיךְ זֵייעֶר שְׁוֶוער אוֹיס מִיט אִיר, זִי אִיז זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע פְרוֹי, אוּן עֶס קוּמְט אוֹיס אַסַאךְ אַז מִיר זָאלְן זִיךְ אַרוּמְ'טַעֲנָה'ן, אוּן אִיךְ מַיין אַז עֶס וֶועט זַיין בֶּעסֶער סַיי פַאר מִיר אוּן סַיי פַאר אִיר אַז אִיךְ זָאל גֵיין וואוֹינֶען עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ, אַלֵיין; זָאל אִיךְ דָאס טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ה אִיָּר, מ' לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיװ.**

**כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז נִישְׁט קַיין קִינְדֶער שְׁפִּיל, כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז פוּן הַארְבְּסְטֶע מִצְוֹת; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה רוּפְן אָן דִי מִצְוָה "חֲמוּרוֹת שֶׁבַּחֲמוּרוֹת" (יְרוּשַׁלְמִי פֵּאָה א, א). לֵיידֶער זֶענֶען זֵייעֶר אַסַאךְ נִישְׁט נִזְהָר אִין דִי מִצְוָה, וַוייל מֶען וַואקְסְט אוֹיף מִיט זֵיי פוּן קִינְדְוַוייז אָן; קִינְדֶער זֶענֶען קִינְדֶער, מֶען אִיז מְזַלְזֵל, אוּן שְׁפֶּעטֶער וֶוען מֶען וֶוערְט גְרוֹיס - בְּלַייבְּט מֶען מְזַלְזֵל זַיין, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.**

**דָאס אִיז זִיכֶער, אוֹיבּ דוּ וִוילְסְט נִישְׁט טוֹישְׁן דַיין צוּגַאנְג צוּ דַיין מַאמֶע - אִיז זִיכֶער דוּ זָאלְסְט גֵיין וואוֹינֶען עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ, וִוי אֵיידֶער זַיין בַּיי אִיר אִין שְׁטוּבּ אוּן אִיר נִישְׁט מְכַבֵּד זַיין.**

**אַז דוּ וֶועסְט מְכַבֵּד זַיין דַיין מַאמֶע, דוּ וֶועסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אִיר כָּבוֹד, דוּ וֶועסְט אִיר שֶׁעצְן; וֶועסְטוּ בִּזְכוּת דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אֵם טְרֶעפְן שְׁנֶעל דַיין שִׁידּוּךְ.**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## ווִי אַזוֹי מַאךְ אִיךְ מַיין טַאטֶע זָאל מַסְכִּים זַיין אִיךְ זָאל פָּארְן קַיין אוּמַאן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט דַארְף אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן דְרָשׁוֹת וָואס זֶענֶען מִיר זֵייעֶר מְחַזֵק.

לֶעצְטְנְס הָאבּ אִיךְ דֶערְצֵיילְט פַאר מַיין טַאטֶע אַז אִיךְ הָאבּ חִיזוּק פוּן בְּרֶסְלֶב, אוּן אַז אִיךְ ווִיל זֵייעֶר פָּארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מַיין טַאטֶע הָאט נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען אִין אָנְהֵוֹיב דֶערְצוּ, אָבֶּער וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶען אַז אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק פָּארְן, הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז מִיר וֶועלְן גֵיין פְרֶעגְן אֵיינֶער פוּן אוּנְזֶער מִשְׁפָּחָה, אַ בַּאקַאנְטֶער חָשׁוּבֶ'ער אִיד.

דֶער פְּרָאבְלֶעם אִיז אָבֶּער אַז אִיךְ וֵייס נִישְׁט וָואס יֶענֶער גֵייט אוּנְז עֶנְטְפֶערְן, אוּן דֶערִיבֶּער הָאבּ אִיךְ מוֹרָא צוּ גֵיין אֲפִילוּ פְרֶעגְן; אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר גֶעבְּן אַן עֵצָה ווִי אַזוֹי דָאס צוּ הַאנְדְלֶען? וַוייל אִיךְ ווִיל זֵייעֶר שְׁטַארְק פָּארְן צוּם רֶבִּי'ן אִין אוּמַאן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ה אִיָּר, מ' לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זַיין אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט - אִיז נָאר גֶעוָוואנְדְן אִין ווִיפִיל תְּפִילוֹת מֶען בֶּעט אוֹיף דֶעם; אַז דוּ וֶועסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אוֹיף דֶעם - וֶועסְטוּ זֶען אַז דוּ וֶועסְט אָנְקוּמֶען.

בְּרֶסְלֶבֶ'ער חֲסִידִים בֶּעטְן אַ גַאנְץ יָאר אוֹיף דֶעם, מֶען זָאל קֶענֶען זוֹכֶה

זַיין צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה מִיט דִי קִינְדֶער, מִיט אַלֶע אִידְן. וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט קְלָאר (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תז): "שֶׁיְּכוֹלִין אָז אֲנָשִׁים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה לֹא הָיָה בְּאֶפְשָׁר שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם תִּקּוּן בְּשׁוּם אֹפֶן, אַף עַל פִּי כֵן בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יְכוֹלִין אֲפִילוּ הֵם לְקַבֵּל תִּקּוּן אַף עַל פִּי שֶׁבְּכָל הַשָּׁנָה אֲפִילוּ הוּא בְּעַצְמוֹ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה לֹא הָיָה יָכוֹל לְתַקְּנָם, אֲבָל בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה גַּם הֵם יְכוֹלִים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים. כִּי אָמַר שֶׁהוּא עוֹשֶׂה בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה עִנְיָנִים וְתִקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה גַּם הוּא אֵינוֹ יָכוֹל לַעֲשׂוֹת", אֲפִילוּ מֶענְטְשְׁן וָואס דֶער רֶבִּי קֶען אַ גַאנְץ יָאר נִישְׁט הֶעלְפְן, קֶען עֶר זֵיי אָבֶער הֶעלְפְן אוּן פַארְרֶעכְטְן אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶערְשְׁטְן אַז דוּ מִיט דַיינֶע דוֹרוֹת אוּן אוֹיךְ דַיין טַאטֶע; אַלֶע זָאלְן קוּמֶען קַיין אוּמַאן. מַאךְ תְּפִלָּה, אֲפִילוּ עֶס זֶעט אוֹיס וִוי דִי זַאךְ וֶועט קֵיינְמָאל פַּאסִירְן - דָאךְ זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז תְּפִלָּה אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן טֶבַע, אוּן אוֹיף אַזַא גְרוֹיסֶע זַאךְ וִוי זַיין בַּיים רֶבִּי'ן רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף מֶען אַסַאךְ אַסַאךְ תְּפִילּוֹת מַאכְן. וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן תג): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל", זַיין בַּיי מִיר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶעס, "וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר שֶׁהַמְקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְקֹרָבִים אֵלַי, שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִישׁ לֹא יֵעָדֵר", אוּן אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ אוֹיף מַיינֶע תַּלְמִידִים וָואס גְלֵייבְּן אִין מִיר, פַארְוָואס זָאלְן זֵיי נִישְׁט מְעוֹרֵר זַיין מַיינֶע מֶענְטְשְׁן אַז אַלֶע זָאלְן קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה? קֵיינֶער טָאר נִישְׁט פֶעלְן.

"כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה", מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "וְהִזְהִיר לַעֲשׂוֹת כְּרוּז, שֶׁכָּל מִי שֶׁסָּר אֶל מִשְׁמַעְתּוֹ, וּמְקֹרָב אֵלָיו, יִהְיֶה עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֶצְלוֹ, לֹא יֶחְסַר אִישׁ", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל מוֹדִיעַ זַיין פַאר אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס גְלֵייבְּן אִין אִים, אַז עֶר הָאט גֶעהֵייסְן קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה, רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד, 'אִכְלוּ מַעֲדַנִּים וּשְׁתוּ מַמְתַקִּים, כִּי חֶדְוַת ה' הִיא מָעֻזְּכֶם'", אוּן וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיי אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה - דַארְף זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַ גַאנְץ יָאר, עַיֵּין שָׁם.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

...

## וָואס טוּט מֶען מִיט אַ מַאן וָואס אִיז נָאכְגֶעלָאזְט?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

עֶס זֶענֶען דָא אַסַאךְ זַאכְן וָואס שְׁטֶערְט מִיר פוּן מַיין מַאן, אָבֶּער דָאס מֶערְסְטֶע אִיז דָאס וָואס עֶר נֶעמְט נִישְׁט זַאכְן עֶרְנְסְט, עֶר וֶועט כְּסֵדֶר פַארְפַּאסְן וִויכְטִיגֶע אַפּוֹינְטְמֶענְטְס, פַארְפַּאסְן וִויכְטִיגֶע קוּרְסֶעס אוֹיף וָואס מֶען הָאט גֶעצָאלְט אַסַאךְ שְׁוֶוער-גֶעהָארֶעוֶועטֶע גֶעלְט, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

אוֹיךְ הָאט עֶר אַ שְׁוַואכֶע גֶעפִיל צוּ מִיר, צוּם בֵּיישְׁפִּיל וֶוען מִיר עֶסְן בַּיי זַיינֶע עֶלְטֶערְן, אוּן אֵיינֶער פוּן דִי גֶעשְׁוִויסְטֶער הֶערְט מִיךְ נִישְׁט אוֹיף צוּ טְשֶׁעפֶּען אוּן פַארְשֶׁעמֶען דָארְט - וֶועט עֶר זִיךְ נִישְׁט אָנְנֶעמֶען פַאר מִיר.

וָואס קֶען אִיךְ טוּן צוּ פַארְבֶּעסֶערְן אוּנְזֶער שְׁלוֹם בַּיִת?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ה אִיָּר, מ' לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

מִיט חָכְמָה זָאלְט אִיר אִים אוֹיפְבּוֹיעֶן אוּן אִים גֶעבְּן דִי גֶעפִיל אַז עֶר קֶען טוּן אוּן אַז עֶר אִיז גֶעלוּנְגֶען. פְּרוֹּיעֶן וָואס הָאבְּן אַבִּיסְל סַבְלָנוּת אוּן אַבִּיסְל פַארְשְׁטַאנְד - קֶענֶען בַּאוַוייזְן ווּאוּנְדֶער אִין שְׁטוּב; אֲפִילוּ דֶער מַאן אִיז אַ שְׁלִימַזָל, אַ בַּטְלָן, צְוֵויי לִינְקֶע הֶענְט, וָואס מֶען וִויל נָאר זָאגְן - קֶען מֶען אִים מַאכְן אוֹיס שְׁלִימַזָל, אוֹיס בַּטְלָן וְכוּ' וְכוּ'.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט הָאבְּן דִי חָכְמַת נָשִׁים וְוִי אַזוֹי אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן אַייעֶר שְׁטוּב. שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ זָאגְט (מִשְׁלֵי יד, א): "חַכְמוֹת נָשִׁים

בָּנְתָה בֵיתָהּ", אַ קְלוּגֶע פְרוֹי בּוֹיט אוֹיף אִיר שְׁטוּבּ; זִי גֶעבְּט גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר אִיר מַאן, זִי וֶוערְט נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקֶן אוּן פַארְלוֹירְן – זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל אַלְץ זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע לוּפְט אִין שְׁטוּבּ, אִיר זָאלְט שְׁטֶענְדִיג זַיין פְרֵיילִיךְ, נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ; דָאס אִיז דֶער עִיקָר, וַוייל וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ – אִיז אַלֶעס גוּט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**מֶעג אִיךְ לֶערְנֶען מוֹהֲרָא"שְׁ'ס סְפָרִים, אוֹיבּ הָאט עֶר גֶעלָאזְט גֵיין צוּ בְּחִירוֹת?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם כֹּל ווִיל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען אוֹיף דִי חִיזוּק וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעבְּט אוּנְז מִיט דִי בְּרִיוו.

אִיךְ ווִיל פְרֶעגְן, אַזוֹי ווִי אִיךְ שֶׁעפּ אַסַאךְ חִיזוּק פוּן דִי קוּנְטְרֵסִים פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער מוֹרָא אַז אֶפְשָׁר אִיז דָאס נִישְׁט דִי רִיכְטִיגֶע מְקוֹר פוּן וואוּ צוּ שֶׁעפְּן חִיזוּק, וַוייל ווִי בַּאקַאנְט הָאט דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעהַאלְטְן אַז גֵיין צוּ דִי בְּחִירוֹת אִיז דִי גְרֶעסְטֶע אִיסוּר אִין דִי תּוֹרָה אוּן עֶס אִיז בְּיֵהָרֵג וְאַל יַעֲבֹר, דָאס מֵיינְט אַז גָארְנִישְׁט אִין דִי וֶועלְט קֶען זַיין אַ סִיבָּה דָאס צוּ מַתִּיר זַיין, אוּן מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דָאךְ יָא גֶעהֵייסְן זַיינֶע מֶענְטְשְׁן גֵיין צוּ בְּחִירוֹת, אוּן דָאס מַאכְט מִיר סְפֵיקוֹת אַז אֶפְשָׁר טָאר אִיךְ נִישְׁט מְקַבֵּל זַיין פוּן דִי קוּנְטְרֵסִים, אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה קֶען מִיר עֶנְטְפֶערְן אוֹיף דֶעם.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ג' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ה אִיָּיר, מ' לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ וֶועל דִיר נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן דִי פְּרַאגֶע, אִיךְ וֶועל דִיר אַרָאפְּבְּרֶענְגֶען וָוארְט בַּיי וָוארְט פוּן דִי שִׁיעוּר לֵיל שִׁישִׁי פַּרְשַׁת שְׁמוֹת שְׁנַת תשע"ג, וְוִי מוֹהֲרָא"שׁ אַלֵיינְס רֶעדְט פוּן דִי זַאךְ:

אַזוֹי וְוִי עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן אַ קַשְׁיָא, וֶועל אִיךְ דָאס פַארְעֶנְטְפֶערְן, כְּדֵי עֶס זָאל נִישְׁט בְּלַייבְּן קַיין קַשְׁיָא.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם, יֶעדֶע זַאךְ וָואס אִיךְ טְרַאכְט, זָאג אִיךְ. אוּן וָואס אִיךְ זָאג, שְׁרַייבּ אִיךְ. אוּן וָואס אִיךְ שְׁרַייבּ, דְרוּק אִיךְ. כָאטְשִׁיג דִי וֶועלְט זָאגְט פַארְקֶערְט: נִישְׁט יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טְרַאכְט, דַארְף מֶען זָאגְן. אוּן נִישְׁט יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען זָאגְט, מֶעג מֶען שְׁרַייבְּן. אוּן נִישְׁט יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען שְׁרַייבְּט, קֶען מֶען דְרוּקְן. אָבֶער וְוִיבַּאלְד אִיךְ הָאבּ זִיךְ צוּגֶעוואוֹינְט בָּרוּךְ הַשֵּׁם צוּ לֶעבְּן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, בְּמֵילָא הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קַיין מוֹרָא צוּ זָאגְן אוּן צוּ שְׁרַייבְּן אוּן צוּ דְרוּקְן וָואס אִיךְ טְרַאכְט.

אוּן דָאס אִיז וָואס אִיךְ וִויל אַייךְ דָא זָאגְן בָּרַבִּים: וֶוער עֶס קֶען דִי רְשָׁעִים אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וֵוייסְט אַז זֵיי זֶענֶען דִי 'עֵרֶב רַב' רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן אַז צִיוֹנוּת אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע קְלִיפָּה, אוּן פּוּנְקְט אַזוֹי וְוִי מִילְיָאנֶען אִידְן הָאט מֶען רַחֲמָנָא לִצְלָן פַארְגַאזְט אוּן פַארְבְּרֶענְט בְּגַשְׁמִיוּת, אַזוֹי אוֹיךְ הָאבְּן דִי צִיוֹנִים דִי רְשָׁעִים יִמַּח שְׁמָם גֶעטוּהְן בְּרוּחָנִיוּת, אוּן בְּרוּחָנִיוּת אִיז נָאךְ אַסַאךְ עֶרְגֶער וְוִי בְּגַשְׁמִיוּת, אַזוֹי וְוִי חֲזַ"ל זָאגְן (בַּמִּדְבָּר רַבָּה כא, ד): קָשֶׁה הַמַּחְטִיאוֹ יוֹתֵר מִן הַהוֹרְגוֹ, אַ מֶענְטְשׁ וָואס מַאכְט אַ צְוֵוייטְן זִינְדִיגְן, אִיז נָאךְ אַסַאךְ עֶרְגֶער וְוִי הַרְגֶ'ענֶען אַ צְוֵוייטְן; וַוייל אַז מֶען הַרְגֶ'עט אֵיינֶעם בְּגַשְׁמִיוּת, הָאט עֶר כָאטְשׁ עוֹלָם הַבָּא, אָבֶער אַז מֶען רַייסְט אֵיינֶעם אָפּ פוּן דִי אֱמוּנָה, אוּן פוּן תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת, הָאט מֶען אִים אָפְּגֶערִיסְן פוּן בֵּיידֶע וֶועלְטְן. וֶועגְן דֶעם דֶער רָשָׁע יִמַּח שְׁמוֹ וָואס הָאט אוֹיסְגֶערִיסְן דִי גוּפִים,

און נֶעבֶּעךְ פַארבְּרֶענְט מִילְיָאנֶען אִידְן, אִיז אָבֶער כָאטְשִׁיג גֶעבְּלִיבְּן דִי נְשָׁמוֹת. אָבֶער דִי רְשָׁעִים, דִי עֵרֶב רַב, זֶענֶען רַחְמָנָא לִצְלָן: 'פּוֹשְׁעִים וְחוֹטְאִים וּמַחְטִיאֵי אֶת הָרַבִּים', און זֵיי זֶענֶען 'יוֹדְעִים אֶת רִבּוֹנָם וּמִתְכַּוְּונִים לִמְרוֹד בּוֹ', און רַייסְן נֶעבֶּעךְ אוֹיס אַזוֹיפִיל אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת פון זֵייעֶר שׁוֹרֶשׁ רַחְמָנָא לִצְלָן.

וֶועגְן דֶעם אִיז דָאס אַ מוֹרָא'דִיגֶע קְלִיפָּה, און דִי זֶעלְבֶּע אוֹיךְ דִי אַלֶע פַּארְטֵייעֶן אַרום דֶעם, אִיז אֵיין גְרוֹיסֶער שֶׁקֶר, בִּפְרַט דִי 'אֲגוּדָה', אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶער שֶׁקֶר; מְמֵילָא דִי 'מִזְרָחִי', זֶעהְט מֶען גְלַייךְ דִי טוּמְאָה דֶערְפוּן, וַוייל אַז מֶען הָאט מַתִּיר גֶעוֶועןען עֲרָיוֹת בַּיי זֵיי, צוּ לֶערְנֶען יוּנְגֶען מִיט מוֹידְן צוּזַאמֶען רַחְמָנָא לִצְלָן וְכוּ', זֶעהְט מֶען דָאךְ אָפֶען דִי קְלִיפָּה דֶערְפוּן, אֲפִילוּ זֵיי גֵייעֶן מִיט אַ קַאפֶּעלֶע, מֵיינְט דָאס גָארְנִישְׁט, וַוייל דֶעם 'אוֹתוֹ הָאִישׁ' טוּט מֶען אוֹיךְ אָן אַ קַאפֶּעלֶע, און דֶער פּוֹיבְּסְט הָאט אוֹיךְ אַ קַאפֶּעלֶע, אָבֶער גֵיין אָנְגֶעטוּהְן מִיט אַ שְׁטְרַיימְל און וַוייסֶע זָאקְן, אָדֶער אַ סְפָּאדִיק, און מִיט אַלֶע בְּגָדִים, און נָאךְ גֵיין צוּ דִי טָמֵא'נֶע בְּחִירוֹת, בְּשַׁעַת מֶען זִינְגְט: הִנְנִי הוֹלֵךְ לְקַיֵּים מִצְוָה לִשְׁמוֹעַ דִּבְרֵי חֲכָמִים. דָאס אִיז רַחְמָנָא לִצְלָן דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ. דֶערְפַאר הָאט דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַארֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, גֶערֶעדְט זֵייעֶר שְׁטְרֶענְג קֶעגְן דִי בְּלָאף פון דִי פַּארְטֵיי (עַיֵּין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ וַיּוֹאֶל מֹשֶׁה מַאֲמַר שָׁלֹשׁ שְׁבוּעוֹת סִימָן צח; קטז; קמב; קעד; וְעוֹד הַרְבֵּה).

מֶען זֶעהְט יֶעצְט הֶענְגְט אַ בִּיטֶערֶע גְזֵירָה, אַז דִי רְשָׁעִים ווִילְן נֶעמֶען אַלֶע חֲרֵדִי'שֶׁע בַּחוּרִים אִין מִילִיטֶער; וֶוער עֶס אִיז אַבִּיסְל בַּאקַאנְט אִין דֶעם, וֵוייסְט גַאנְץ גוּט אַז זֵיי דַארְפְן נִישְׁט קַיין פְרוּמֶע בָּחוּרִים זָאלְן זַיין אִין מִילִיטֶער, וַוייל אַז אַ חֲסִידִישׁ'עֶר בָּחוּר, אָדֶער אַ עֶרְלִיכֶער בָּחוּר, וֶועט הָאבְּן גֶעוֶוער, וֶועט עֶר נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין קַיין קוּנְצְן, און עֶר וֶועט נִישְׁט מִיט טַאנְצְן מִיט זֵייעֶרֶע פָּאלִיטִישֶׁע אָנְוַוייזוּנְגֶען, און דָאס דַארְפְן זֵיי נִישְׁט. נָאר זֵיי הָאבְּן אֵיין כַּוָּונָה: זֵיי ווִילְן פָּשׁוּט אוֹיסְ'שְׁמַדְ'ן אִידִישֶׁע קִינְדֶער; וַוייל דָארְט קוּמְט נֶעבֶּעךְ פָּאר דִי דְרֵיי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת: 'עֲבוֹדָה זָרָה, גִילוּי עֲרָיוֹת, שְׁפִיכוּת דָמִים', לַיידֶער וֵוייס אִיךְ פּוּנְקְטְלִיךְ וָואס עֶס טוּט זִיךְ דָארְט אָפּ, וַוייל עֶס קוּמֶען צוּ מִיר אַזאלֶעכֶע וָואס זֶענֶען דָאס דוּרֶעךְ גֶעגַאנְגֶען.

און אִיךְ וִויל אַייךְ זָאגְן: אִיךְ וֵויס בֶּעסֶער ווִי אַייךְ אַלֶע, וֶוער דִי רְשָׁעִים זֶענֶען! וַוייל מִיר הָאט מֶען דַן גֶעוֶוען אִין זֵייעֶר טָמֵא׳נֶעם ׳כְּנֶסֶת הַמִּינִים׳, צוּ זִיצְן זֶעכְצְן יָאר אִין תְּפִיסָה, (און וֶוער עֶס אִיז אִינְטֶערֶעסִירְט קֶען אַרֵיינְטֵייפְּן מַיין נָאמֶען און דָאס מְבַרֵר זַיין בַּיי זֵייעֶרֶע אַרְכִיוֹן), און בִּיז דֶערְוַוייל הָאט מֶען נָאכְנִישְׁט גֶעגֶעבְּן אַזַא הארְבְּן אורְטֵייל פַּאר קֵיינֶעם, נָאר דֶער גְרֶעסְטֶער עוֹנֶשׁ הָאט בַּאקוּמֶען בַּיי זֵיי, אֵיינֶער וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁפִּיאָן, און עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן זֵייעֶרֶע בַּאהַאלְטֶענֶע סוֹדוֹת, הָאט עֶר בַּאקוּמֶען אַכְטְצְן יָאר תְּפִיסָה. אָבֶער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף מִיר, און מִיט נִסִים וְנִפְלָאוֹת נָאךְ אַפָּאר שְׁוֶוערֶע יָארְן וְכוּ׳, בִּין אִיךְ נִיצוֹל גֶעוָוארְן פוּן זֵייעֶרֶע רוֹצְחִ׳ישֶׁע הֶענְט. און וָואס אִיז גֶעוֶוען מַיין פַּארְבְּרֶעכְן? אַז אִיךְ הָאבּ אַרֵיינְגֶעבְּרֶענְגְט קְדוּשָׁה וְטָהֳרָה בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

קוּמְט אוֹיס, אַז אִיךְ וֵויס זֵייעֶר גוּט וֶוער דִי רְשָׁעִים אַלֵיין זֶענֶען, און אוֹיךְ וֶוער עֶס אִיז דִי גַאנְצֶע ׳רַבָּנוּת׳ און דִי אַלֶע וָואס הֶעלְפְן זֵיי אַרוֹיס. מְמֵילָא הַאלְט אִיךְ (וַוייטֶער) אַז מֶען טָאר נִישְׁט הָאבְּן מִיט זֵיי קַיין שׁוּם שַׁייכוּת. (פְרֶעגְט מֶען מִיר, הַיִתָּכֵן אִיךְ הֵייס גֵיין וֶועהלְן פַאר שַׁ״ס?! און דָאס אִיז טַאקֶע אַ גוּטֶע קַשְׁיָא!)

נָאר אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעמַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן, אַזוֹי ווִי אִיר זֶענְט אַלֶע גֶעוֶוען רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן, און אִיר הָאט גֶעזֶעהְן ווִיפִיל מֶענְטְשְׁן עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען דָאס יָאר, קָרוֹב צוּ (40,000) פֶערְצִיג טוֹיזְנְט מֶענְטְשְׁן כֵּן יִרְבּוּ, און יֶעדֶעס יָאר קוּמֶען צוּ נָאךְ און נָאךְ, זָאל מֶען מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן ווִיפִיל זֶענֶען גֶעוֶוען אַשְׁכְּנַזִים, און ווִיפִיל זֶענֶען גֶעוֶוען סְפַרְדִים?! וֶועט מֶען זִיךְ אִיבֶּערְצֵייגְן אַז פִינֶעף און אַכְצִיג פְּרָאצֶענְט זֶענֶען סְפַרְדִים! דָאס אִיז דִי מְצִיאוּת! און מִיר גֵייט אִין לֶעבְּן צוּ בְּרֶענְגֶען וָואס מֶער סְפַרְדִים צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס צִיוּן, וַוייל פוּן זֵיי הָאט מֶען אוֹיסְגֶערִיסְן דִי אֱמוּנָה, און קֵיינֶער אִין דֶער וֶועלְט קֶען זֵיי נִישְׁט צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר דִי וָואס זֶענֶען זוֹכֶה און קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס צִיוּן, וֶוערְן בַּיים סוֹף גְרוֹיסֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לָאזְט זֵיי נִישְׁט אָפּ. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען מִיט צְוֵויי עֵדוּת, אַ שְׁטַארְקֶע הַבְטָחָה: ״וֶוער עֶס וֶועט

קוּמֶען צוּ מַיין צִיוּן, אוּן עֶר וֶועט גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה פַאר צְדָקָה, אוּן עֶר וֶועט זָאגְן דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִים [תִּיקּוּן הַכְּלָלִי], וֶועל אִיךְ אִים בַּיי דִי פֵּיאוֹת אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת" (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קמא).

דֶערְפַאר כְּדֵי אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען דִי טֵייעֶרֶע סְפַרְדִי'שֶׁע אִידְן, וָואס דִי רְשָׁעִים הָאבְּן זֵיי אַיינְגֶעשְׁלִינְגֶען רַחְמָנָא לִצְלָן, מוּז מֶען זִיךְ אַרָאפּ לָאזְן אִין זֵייעֶר גַארְבִּיד"ש, אוּן אִין דֶעם פַארְשְׁטִינְקֶענֶעם סוּעֶ"ר, וַוייל צוּ זֵיי קֶען מֶען נִישְׁט אַרַיין גֵיין נָאר אוֹיף אַזַא אוֹפָן.

אוּן אִיךְ וִויל דָא זָאגְן קְלָאר אוּן אָפֶען: דָאס הָאט נִישְׁט צוּטוּעֶן מִיט אַשְׁכְּנַזִים! מִיר דַארְפְן זִיךְ הַאלְטְן צוּ דָאס וָואס מִיר הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע רֶבִּי'ס, אוּן פוּן אַלֶע צַדִיקִים וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען אַקֶעגְן דִי "טָמֵא'נֶע בְּחִירוֹת", אוּן מֶען דַארְף אֲפִילוּ נִישְׁט קַיין רְאָיָה צוּ דֶעם, וַוייל מֶען זֶעהְט דָאךְ אָפֶען וֶוער זֵיי זֶענֶען, אוּן וָואסְפַארַא טוּמְאָה דָאס אִיז, אוּן עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם סָפֵק אִין דֶעם.

נָאר מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז, וִוי אַזוֹי מֶען קֶען אַרוֹיס נֶעמֶען וָואס מֶער סְפַרְדִים פוּן זֵייעֶרֶע טָמֵא'נֶע נֶעגְל, אוּן זֵיי בְּרֶענְגֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן, אוּן אֵיינְמָאל אַז מֶען קוּמְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן, וֶועט שׁוֹין דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי עוֹסֵק זַיין זֵיי צוּ פַארֶעכְטְן, בִּיז זֵיי וֶועלְן וֶוערְן אֱמֶתֶ'ע עֶרְלִיכֶע אִידְן.

וֶועגְן דֶעם הָאבּ אִיךְ זִיךְ אַרַיינְגֶעלָאזְט אִין דֶעם אוּן זִיךְ אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט, וַוייל מִיר גֵייט אִין לֶעבְּן אֵיין זַאךְ: צוּ בְּרֶענְגֶען וָואס מֶער מֶענְטְשְׁן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן! אוּן וָואס מֶער מֶענְטְשְׁן זָאלְן הָאבְּן הִתְבּוֹדְדוּת! אוּן עֶס גֵייט מִיר גָארְנִישְׁט אָן.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק אוּן עוֹבֵד ה' פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט: רֶבִּי יִשְׂרָאֵל קַארְדוּנֶער זַצַ"ל, פְלֶעגְט עֶר שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז צוּ בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן בִּיז צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן, פוּן דָא אוּן וַוייטֶער זָאל זִיךְ שׁוֹין דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אָפְּגֶעבְּן מִיט זֵיי.

אָבֶער אִיךְ זָאג וַוייטֶער דָאס אַשְׁכְּנַזִים טָארְ'ן נִישְׁט גֵיין צוּ דִי "בְּחִירוֹת הַטְּמֵאוֹת", זֵיי זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין שַׁייְכוּת מִיט דֶעם אִינְגַאנְצְן, וַוייל מֶען

**טוט מְמֵילָא נִישְׁט אוֹיף בַּיי זֵיי גָארְנִישְׁט, אִיז וָואס דַארְף מֶען הָאבְּן מִיט זֵיי אַ שַׁייכוּת?**

**דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין: לְתַקֵּן עוֹלָם בְּמַלְכוּת שַׁ-דַּ-י, אוּן מֶען זָאל שׁוֹין אַלֶע זוֹכֶה זַיין צוּ זֶעהְן בְּבִנְיַן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ מִיט דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה, אָמֵן.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

**...**

**פַארְוָואס בִּין אִיךְ אַזוֹי פֶּעשׁ אוּן אִיךְ שְׁוִויץ אַזוֹי סַאךְ?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט ווִיל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶע דְרָשׁוֹת, בְּרִיוו אוּן חִיזוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

אִיךְ שְׁרַייבּ דֶעם בְּרִיוו ווַייל אִיךְ שְׁפִּיר אַז אִיךְ קֶען שׁוֹין מֶער נִישְׁט אָנְגֵיין. לֶעצְטְנְס דְרֵיי אִיךְ זִיךְ אַרוּם אַ גַאנְצְן טָאג דֶעפְּרֶעסְט אוּן צֶעבְּרָאכְן, פוּל מִיט עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, עֶס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר פַּארְוָואס אִיךְ בִּין אַזוֹי פֶּעשׁ, פַּארְוָואס אִיךְ שְׁוִויץ אַ גַאנְצְן טָאג אוּן אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט בַּאפְרֵייעֶן פוּן דִי שְׁוֶוערֶע מַחֲשָׁבוֹת. פַּארְוָואס דַארְף אִיךְ מוֹרָא הָאבְּן אַגַאנְצְן צַייט אַז יֶעדֶער אֵיינֶער קוּקְט אוֹיף מִיר? סַיי אוֹיף דִי זַאךְ פוּן פֶּעשְׁקֵייט, אוּן סַיי אוֹיף אַנְדֶערֶע זַאכְן, בִּין אִיךְ כְּסֵדֶר פַארְנוּמֶען צוּ טְרַאכְטְן וָואס יֶענֶער טְרַאכְט וֶועגְן מִיר.

ווִיפִיל אִיךְ פְּרוּבִיר צוּ מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת אוֹיף דֶעם, אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן אַלֶע מַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת אוּן דִמְיוֹנוֹת מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווֶער אִיךְ אָבֶּער נִישְׁט גֶעהָאלְפְן, דָאס שְׁטוּפְּט מִיךְ נָאר נָאךְ מֶער אַרַיין אִין מַיינֶע טוּנְקֶעלֶע מַחֲשָׁבוֹת.

ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן? אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א ווֶעט מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ו אִיָּיר, מ״א לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג**

**לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

פַּארְלֵייג זִיךְ אוֹיף אֵיין זַאךְ, פַּארְלֵייג זִיךְ אוֹיף שִׂמְחָה, אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאר אוֹיף דֶעם, אַז דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ; זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט וָואס דוּ הָאסְט יָא, זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט גוּטֶע זַאכְן וָואס דוּ טוּסְט, זִיךְ פְרֵייעֶן אַז דוּ בִּיסְט גֶעזוּנְט, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

דַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז - אַז דוּ בִּיסְט נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, נִישְׁט דָאס שְׁוִויצְן אוּן נִישְׁט דָאס זַיין אַ פוּלֶער מֶענְטְשׁ. אֵיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז דָא, דוּ בִּיסְט נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, דוּ פָאלְגְסְט נִישְׁט דֶעם רֶבִּי׳ן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן כד): "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ; מוֹהֲרַא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט, דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז נִישְׁט אַן עֵצָה פוּן זַיין פְרֵיילִיךְ, דֶער רֶבִּי זָאגְט אוּנְז עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, מִיר מוּזְן זַיין פְרֵיילִיךְ, מִיר מוּזְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי׳ן, וַוייל וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ - אִיז דָאס אַ סִימָן אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גַאנְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט נִישְׁט קַיין טַעֲנוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עֶס אִיז נִישְׁט קַיין גְרִינְגֶע זַאךְ צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן כ): "לִזְכּוֹת לְשִׂמְחָה זֶה קָשֶׁה וְכָבֵד לְהָאָדָם לִזְכּוֹת לָזֶה, יוֹתֵר מִשְּׁאָר כָּל הָעֲבוֹדוֹת", עֶס אִיז שְׁוֶוערֶער צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ ווִי אַלֶע אַנְדֶערֶע עֲבוֹדוֹת; דָאס הֵייסְט עֶס אִיז גְרִינְגֶער צוּ פַאסְטְן, צוּ שְׁלָאפְן אוֹיף דֶער עֶרְד, צוּ גֵיין אִין אַייז קַאלְטֶע מִקְוָאוֹת, צוּ לֶערְנֶען רְצוּפוֹת - ווִי צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ; אָבֶער אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט מִיר מוּזְן זַיין פְרֵיילִיךְ - דַארְף מֶען אַלֶעס טוּן, אֲפִילוּ זִיךְ נַארִישׁ מַאכְן, אַבִּי צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ.

פְרֵיי זִיךְ מִיט ׳שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי׳. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי מֹשֶׁה לֵייבּ מִסַּאסוּב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט דֶעם הֵיילִיגְן קָאזְנִיצֶער מַגִּיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס הָאט עֶר אִינְזִין בַּיי דִי בְּרָכָה ׳שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי׳, עֶר

הָאט אִים גֶעזָאגְט: ״אִיר זֶענְט אַ דַארֶער מֶענְטְשׁ, וָואלְט וֶוען גֶעוֶוען אַ דַארֶער גוֹי... אִיךְ הָאבּ אִינְזִין בַּיי ׳שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי׳, אִיךְ בִּין אַ פוֹילֶער מֶענְטְשׁ (כַּיָּדוּעַ דֶער קָאזְנִיצֶער מַגִּיד אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ דַארֶער מֶענְטְשׁ אוּן דֶער צַדִּיק רֶבִּי מֹשֶׁה לֵייבּ מִסַּאסוֹב אִיז גֶעוֶוען אַ פוֹילֶער); וָואלְט אִיךְ גֶעוֶוען אַ גוֹי - וָואלְט אִיךְ גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער דִיקֶער גוֹי, יֶעצְט דַאנְק אִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ בִּין אַ אַ אִיד״, וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**מוּז מֶען סֶערְוִוירְן דִי פְלֵייש-טֶעלֶער פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ אַ שְׁאֵלָה אִיבֶּער אַן עִנְיָן פוּן מְסוֹרָה. פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן בַּיי מַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁווִיגֶער אִיז אַיינְגֶעפִירְט אַז נָאךְ דִי זוּפּ בְּרֶענְגְט מֶען אַרֵיין אַ גַאנְצֶע טֶעלֶער פְלֵייש אוּן קוּגְל, אוּן צוּמָאל אוֹיךְ פֶערְפְל. יֶעצְט וֶוען אִיךְ הוֹיבּ אָן מַאכְן אַלֵיין סְעוּדוֹת אִינְדֶערְהֵיים, ווִיל אִיךְ ווִיסְן אוֹיבּ דָאס פֶעלְט טַאקֶע אוֹיס, ווַייל מִיר זֶענֶען שׁוֹין גֶעווֶוענְלִיךְ גֶענְצְלִיךְ זַאט נָאךְ דִי זוּפּ, אוּן עֶס קֶען אֲפִילוּ זַיין בַּל תַּשְׁחִית פַּאר דִי עֶסְן, אָדֶער אִיז אַזוֹי דִי מְסוֹרָה פוּן דִי שַׁבָּת סְעוּדָה אוּן מֶען קֶען עֶס נִישְׁט טוּישְׁן?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ו אִיָּר, מ״א לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מַאֲכָלֵי שַׁבָּת אִיז זֵייעֶר הֵיילִיג, עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים אַז מַאֲכָלֵי שַׁבָּת הֵיילְט. צַדִּיקִים טַייטְשְׁן (זֶע סֵפֶר קְהִלַּת מֹשֶׁה, אַ זוּן פוּן הֵיילִיגְן מַגִּיד פוּן קָאזְנִיץ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, פַּרְשַׁת מִקֵּץ, דִּבּוּר הַמַּתְחִיל א״י אַתָּה תִּהְיֶ׳ עַל בֵּיתִי) דָאס וָואס חֲכָמֵינוּ

זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קט:): "כָּל הָאוֹכְלִין אוֹכֵל אָדָם לִרְפוּאָה", אַלֶע עֶסְן מֶעג מֶען שַׁבָּת עֶסְן אֲפִילוּ עֶס הֵיילְט, טַייטְשְׁט עֶר, אַז אַלֶע עֶסְן וָואס מֶען עֶסְט שַׁבָּת - הֵיילְט דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן יז): "אֲכִילַת שַׁבָּת הִיא כֻּלָּהּ רוּחָנִיּוּת, כֻּלּוֹ קֹדֶשׁ", שַׁבָּת'דִיגֶע עֶסְן אִיז אַ שְׁטִיק הֵיילִיגְקֵייט.

זַיי נִישְׁט מְשַׁנֶּה פוּן דִי סֵדֶר פוּן דִי עֶסְן וָואס דַיינֶע עֶלְטֶערְן עֶסְן. עֶס אִיז דָא גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת פַארְוָואס מִיר עֶסְן דִי עֶסְן: פִישׁ, זוּפּ מִיט לָאקְשְׁן, פְלֵיישׁ, קוּגֶל אוּן פֶערְפְל. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַ טַעַם, פַארְוָואס עֶסְט מֶען פִישׁ שַׁבָּת בַּיי אַלֶע דְרֵיי סְעוּדוֹת? וַוייל שַׁבָּת אִיז אַ צַייט וָואס מֶען קֶען וֶוערְן זֵייעֶר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אָפְּלָאזְן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן, אוּן פִישׁ אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע בַּעַל חַי וָואס הָאט נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט בַּיים מַבּוּל, זֵיי זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן רֵיין, אוּן נָאךְ אַסַאךְ טַעֲמִים עַל פִּי סוֹד פַארְוָואס מֶען עֶסְט שַׁבָּת - בַּיי דִי דְרֵיי סְעוּדוֹת - פִישׁ.

אוֹיךְ עֶסְט מֶען זוּפּ מִיט לָאקְשְׁן. עֶס שְׁטֵייט פוּנֶעם צַדִּיק רֶבִּי פִּנְחָס קָארִיצֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (אִמְרֵי פִּנְחָס שַׁעַר הַשַּׁבָּת, אוֹת כט) לָאקְשְׁן וַוייזְט אוֹיף אַחְדוּת, עֶס לִיגְט אֵיינְס אִין צְוֵוייטְן; אַז שַׁבָּת אִיז אַ צַייט פוּן וֶוערְן אֵיינְס מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וֶוערְן שָׁלוֹם.

פְלֵיישׁ - שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ מֶען זָאל עֶסְן (אוֹרַח חַיִּים סִימָן רנ, סְעִיף ב): "יַרְבֶּה בְּבָשָׂר וְיַיִן וּמִגְדָּנוֹת כְּפִי יְכָלְתּוֹ", מֶען זָאל פַארְמֶערְן מִיט פְלֵיישׁ אוּן וַויין אוּן גוּטֶע עֶסְן. אִין רַמְבַּ"ם שְׁטֵייט (פֶּרֶק ל' מֵהִלְכוֹת שַׁבָּת, הֲלָכָה י): "אֲכִילַת בָּשָׂר וּשְׁתִיַּת יַיִן בְּשַׁבָּת עֹנֶג הוּא לוֹ".

אוֹיךְ קוּגֶל וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין רְמָ"א (סִימָן רמב, סְעִיף א): "יֵשׁ שֶׁכָּתְבוּ שֶׁבְּמִקְצָת מְקוֹמוֹת נָהֲגוּ לֶאֱכֹל מֻלְיְתָא, שֶׁקּוֹרִין פַּשְׁטִידָ"א, בְּלֵיל שַׁבָּת, זֵכֶר לַמָּן שֶׁהָיָה מְכֻסֶּה לְמַעְלָה וּלְמַטָּה", מֶען פִירְט זִיךְ צוּ עֶסְן קוּגֶל, אַ זֵכֶר צוּ דִי מָן וָואס אִיז גֶעוֶוען צוּגֶעדֶעקְט פוּן אוֹיבְּן אוּן פוּן אוּנְטְן, אוּן דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה בְּרֶענְגְט (שָׁם, סְעִיף קָטָן ח): "וּבִמְקוֹמוֹתֵינוּ הַמִּנְהָג לְאָכְלָן", אוּן אַזוֹי פִירְן מִיר זִיךְ.

פֶערְפְל עֶסְן מִיר. עֶס שְׁטֵייט פוּן הֵיילִיגְן צַדִּיק רֶבִּי פִּנְחָס פוּן קָארִיץ (אִמְרֵי

פִּנְחָס שָׁם, אות ל) בְּשֵׁם דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַ טַעַם פַארְוָואס מִיר עֶסְן פֶערְפְל, דָאס קוּמְט אוּנְז דֶערְמַאנֶען וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שַׁבָּת קיח:) וֶוער עֶס הִיט שַׁבָּת אִיז מֶען אִים מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת, פֶערְפְל אִיז פַארְפַאלִין, אַלֶע עֲבֵירוֹת וֶוערְן פַארְפַאלְן.

זַיי נִישְׁט מְשַׁנֶה פוּן דַיין טַאטֶע'ס וֶועג, עֶס פִישׁ, זוּפּ, פְלֵייש, קוּגְל אוּן פֶערְפְל. עֶס נִישְׁט קַיין סַאךְ אָנְהוֹיבּ סְעוּדָה - וֶועסְטוּ קֶענֶען עֶסְן אַלֶע הֵיילִיגֶע עֶסְן, וַוייל מַאֲכָלֵי שַׁבָּת אִיז זֵייעֶר הֵיילִיג. עֶס שְׁטֵייט פוּן צַדִיקִים (בְּנֵי יִשָּׂשכָר מַאַמְרֵי הַשַּׁבָּתוֹת מַאֲמָר א, אות יב): "וְרָאִיתִי לְאַנְשֵׁי מַעֲשֶׂה שֶׁהָיוּ נִזְהָרִים מִלִּתֵּן מִמַּאֲכָלֵי שַׁבָּת לְגוֹיִם", אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען בַּיי עֶרְלִיכֶע אִידְן אַז זֵיי הָאבְּן אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן נִישְׁט צוּ גֶעבְּן פוּן דִי שַׁבָּת עֶסְן פַאר גוֹיִם, וַוייל דָאס אִיז סַם חַיִים לְיִשְׂרָאֵל, עֶס הֵיילְט אוּיס אִידִישֶׁע קִינְדֶער אוּן פַארְקֶערְט ... עַיֵין שָׁם.

דֶער עִיקָר זָאל דִי סְעוּדָה זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע צַייט. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן יז): "צָרִיךְ לִזָּהֵר מְאֹד לִהְיוֹת שָׂמֵחַ וְטוֹב לֵב בְּשַׁבָּת", מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת, "כִּי מַעֲלוֹת וּקְדֻשּׁוֹת שַׁבָּת גְּדוֹלָה וִיקָרָה מְאֹד", וַוייל שַׁבָּת אִיז זֵייעֶר הֵיילִיג אוּן טֵייעֶר, "וְהַכְּלָל, שֶׁצָּרִיךְ לִנְהֹג שִׂמְחָה גְּדוֹלָה בְּשַׁבָּת קֹדֶשׁ, וְלִבְלִי לְהַרְאוֹת שׁוּם עַצְבוּת וּדְאָגָה כְּלָל, רַק לְהִתְעַנֵּג עַל הַשֵּׁם", מֶען טָאר נִישְׁט זַיין טְרוֹיעֶרִיג שַׁבָּת אוּן נִישְׁט זַיין פַארְזָארְגְט שַׁבָּת, נָאר פְרֵיילִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְן מְחַזֵק זַיין אִינְגֶעלַייט וָואס פַאלְן נֶעבֶּעךְ

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט דֶעם לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר פוּן דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם דָאנֶערְשְׁטָאג פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ מְצוֹרָע, אוּן אִיךְ מוּז זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק בַּאדַאנְקֶען, סְפֶּעצִיעֶל פַאר דֶעם שִׁיעוּר. צְווֵיי נְקוּדוֹת וָואס הָאט מִיר גָאר שְׁטַארְק מְחַזֵק גֶעוֶוען פוּן דֶעם שִׁיעוּר, צוּם עֶרְשְׁט וָואס דֶער

ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט דָארְט גֶעזָאגְט אַ תְּפִלָּה פַּאר אִינְגֶעלַייט וָואס מוּטְשֶׁען זִיךְ מִיט נִסְיוֹנוֹת, "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ הָאב דָאךְ שׁוֹין חֲתוּנָה גֶעהַאט, אוּן נָאכְאַלְץ הָאבּ אִיךְ נִישְׁט קַיין שְׁמִירָה, הֶעלְף מִיךְ אֵייבֶּערְשְׁטֶער", אוּן וַוייטֶער אִינֶעם שִׁיעוּר הָאט דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א נָאכְגֶעזָאגְט פוּן רֶבִּי נָתָן אַז אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ מוּטְשֶׁען מִיט נִסְיוֹנוֹת אַ גַאנְץ לֶעבְּן, לְמַעֲשֶׂה אִיז עֶר אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט אוּן עֶר הָאט נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן זַיין אַן אֱמֶתְ'עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד, זָאגְט רֶבִּי נָתָן אוֹיף דֶעם דֶער פָּסוּק "וּבָא הַשֶּׁמֶשׁ וְטָהֵר וְאַחַר יֹאכַל מִן הַקֳּדָשִׁים", וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ גֵייט אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט דֶעמָאלְט וֶועט עֶר זֶען וָואס עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען שְׂכַר פַאר'ן בֶּענְקֶען, וֶועלְן, נִישְׁט זַיין בַּאקְוֶועם מִיט דִי שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים, נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל זָאגְן, "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וָואס וֶועט זַיין מִיט מִיר?" נָאכְאַמָאל אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוּן נָאכְאַמָאל צוּרִיק גֶעקוּמֶען, זִיךְ בֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אִיךְ ווִיל דָאךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, ווִי אַזוֹי קְרִיךְ אִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען?" דָאס הָאט מִיר זֵייעֶר גֶעשְׁטַארְקְט אַז אִיךְ זָאל קֵיינְמָאל אוֹיפְגֶעבְּן, נָאר יֶעדֶעס מָאל נָאכְאַמָאל צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן בִּכְלָל אִיז דָאס גֶעוֶוען גָאר אַ שֵׁיינֶער שִׁיעוּר וָואס הָאט מִיךְ גָאר שְׁטַארְק מְחַזֵּק גֶעוֶוען.

אִיךְ ווֵייס אוּן אִיךְ טְרַאכְט אַז פַאר אַייךְ אִיז עֶס מְסִירוּת נֶפֶשׁ צוּ רֶעדְן אָפְן פוּן דִי זַאכְן, אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז וֶוען אִיר רֶעדְט פוּן דֶעם בַּאקוּמְט אִיר הִיץ פוּן דִי גַאס, אוּן אִיר וֶוערְט אָנְגֶעקוּקְט ווִי אַ מֶענְטְשׁ וָואס רֶעדְט פוּן זַאכְן וָואס עֶס פַּאסְט נִישְׁט. אִיךְ בֶּעט אָבֶּער דֶעם ראֹשׁ יְשִׁיבָה זָאל רֶעדְן נָאךְ אוּן נָאךְ פוּן דֶעם, טַאקֶע פַאר "אִינְגֶעלַייט" אַזוֹי ווִי מִיר; יָארְן יָארְן וָואס אִיךְ פַאל, נָאךְ פוּן אַלְס קִינְד! יָארְן יָארְן וָואס אִיךְ בָּאד זִיךְ לֵיידֶער אִין עֲבֵירוֹת. אִיךְ ווֵיין, אוּן עֶס טוּט מִיר אַזוֹי ווֵיי, אִיךְ אַרְבֶּעט אִין אַן אָפִּיס אוּן דִי נִסְיוֹנוֹת זֶענֶען פוּן אַלֶע זַייטְן, סַיי דִי ווַייבְּלֶעךְ וָואס אַרְבֶּעטְן דָארְט, כָּאטְשׁ וָואס עֶס אִיז אַ צְנִיעוּת'דִיגֶע אָפִּיס אוּן עֶס אִיז שְׁטַארְק אָפְּגֶעטֵיילְט, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם שַׁייכוּת, אָבֶּער פוּן קוּמֶען אוּן גֵיין, אוּן זֶען אוּן קוּקְן אוּן מְשׁוּגָע וֶוערְן, אוֹי דֶער שְׁלֶעכְטֶער יֵצֶר הָרָע וָואס מַאכְט מִיר אַזוֹי זִיס דִי פְרוֹיעֶן אִין אָפִּיס, כָּאטְשׁ וָואס עֶס אִיז בֶּאֱמֶת נִישְׁטָא וָואס צוּ זֶען אוּן קוּקְן, אָבֶּער דֶער שְׁלֶעכְטֶער שְׁוַוארְצֶער מַלְאָךְ וָואס פְלַאקֶערְט אִין מִיר מַאכְט כְּאִילוּ זִי וָואלְט גֶעוֶוען דִי הָאנִיג פוּן דִי וֶועלְט (אִיךְ שְׁרַייבּ עֶס פַאר אַייךְ, נִישְׁט אִיר זָאלְט עֶס שְׁרַייבְּן אִין דִי בְּרִיוְון, אִיךְ זוּךְ נִישְׁט אַז מֶען זָאל אַרוֹיסְוַוארְפְן דֶעם זִיסְן סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וֶועגְן אַזַא אוֹיסְוָואוּרְף ווִי מִיךְ), אוּן נָאכְדֶעם אִיז דָא דִי אַנְדֶערֶע נִסְיוֹנוֹת פוּן אִינְטֶערְנֶעט, אִיךְ ווִיל

נִישְׁט רֶעדְן און אִיךְ וויל נִישְׁט זָאגְן, אִיךְ שֶׁעם מִיךְ צוּ שְׁרַייבְּן וָואס פַאר אַ שְׁמוּץ אִיךְ קוּק אַלְץ, און אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז עֶס אִיז דָא אֵיינֶער וָואס רֶעדְט פון דֶעם, עֶס אִיז מִיר ווי בַּאלְזַאם אוֹיף מַיין פַארְפַיינִיגְטֶע נְשָׁמָה, גָארְנִישְׁט מֶער.

אִיךְ בִּין נִישְׁט אַייעֶר תַּלְמִיד און אִיךְ בִּין בִּכְלַל נִישְׁט בְּרֶסְלֶב, וָואס זָאל אִיךְ אָבֶּער טוּן אַז מַיין אַדְמוֹ"ר שְׁלִיטָ"א, מַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה, מַיין מַשְׁפִּיעַ און מַיין דַיָּין שְׁלִיטָ"א - רֶעדְן נִישְׁט פון דִי זַאכְן און עִנְיָנִים, און אֵיינֶער וָואס רֶעדְט יָא פון דִי זַאכְן - אִיז בַּיי זֵיי אָפְּגֶעפְּרֶעגְט, אִיז וֶועם זָאל אִיךְ גֶעטְרוֹיעֶן מַיין פְּרִיוָואטֶע לֶעבְּן; אַזוֹי שׂוֹידֶערְלִיךְ, אַזוֹי וֵוייטָאגְלִיךְ, הַלְוַאי הַלְוַאי זָאל אִיךְ נִישְׁט גְלוּסְטְן אַזוֹי צוּ פְרֶעמְדֶע פְרוֹיעֶן.

עֶס קְלִינְגְט מִיר אֵייבִּיג שְׁטִיקְלֶעךְ פון אַייעֶרֶע וֶוערְטֶער, און נָאר דָאס רַאטֶעוֶועט מִיךְ. בִּפְרַט דָאס וָואס אִיר הָאט גֶעזָאגְט אִין דֶעם לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר, אַז אֲפִילוּ אִינְגֶעלַייט וָואס פַאלְן - הָאבְּן נָאךְ אַ תַּקָּנָה. אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיב עֶס אִיז דָא נָאךְ אֵיינֶער מִיט אַזַא שְׁרֶעקְלִיכֶע יֵצֶר הָרַע ווי אִיךְ, און אִיךְ בֶּעט זִיךְ בַּיי אַייךְ אִיר זָאלְט וַוייטֶער רֶעדְן חִיזּוּק אַז עֶס אִיז דָא אַ וֶועג אַרוֹיס פַאר "אִינְגֶעלַייט" וָואס פַאלְן, און אַז "אִינְגֶעלַייט" וָואס הָאבְּן אַ יֵצֶר הָרַע און פַאלְן, מִיט דֶעם אַלֶעם אִיז נִישְׁט דֶערְנָאךְ, עֶס אִיז נָאךְ דָא מִשְׁנַיּוֹת און עֶס אִיז דָא אַ וֶועג אַז אֲפִילוּ מֶען פַאלְט אַ גַאנְץ לֶעבְּן וֶועט מֶען אָבֶּער צוּם סוֹף הָאבְּן אַן הָאפֶענוּנְג, אַזוֹי ווי אִיר הָאט גֶעזָאגְט פון רֶבִּי נָתָן.

אִיךְ דַארְף נִישְׁט קַיין עֶנְטְפֶער, אִיךְ הַאלְט מִיט אַלֶע שִׁיעוּרִים, אִיךְ וִויל נָאר אַז אִיר זָאלְט עֶס טוּן פַאר מִיר און וַוייטֶער רֶעדְן און מְחַזֵּק זַיין.

יְיַשֶּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ו אִיָּיר, מ״א לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג
לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ מְחַיֶּ׳ מִיטְן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס וֶוערְטֶער. דֶער רֶבִּי אִיז אַזַא רַחְמָנוּת׳דִיגֶער רֶבִּי, עֶר לָאזְט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק אַרָאפּ צוּ אוּנְז, עֶר הָאט אַזוֹי רַחְמָנוּת אוֹיף אוּנְז, עֶר וַוייזְט אוּנְז דִי רַחְמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווי עֶר וַוארְט מִיר זָאלְן זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּ אִים, מִיר זָאלְן

תְּשׁוּבָה טוּן, מִיר זָאלְן וויסְן אוּנְזֶערֶע כֹּחוֹת און נִישְׁט אוֹיסְקוּקְן ווִי דִי גְרוֹיסֶע עֶלֶעפַאנְט וָואס וֶוערְט דֶערְשְׁרָאקְן פוּנֶעם קְלֵיינֶעם מַייז, וַוייל זִי וֵוייסְט נִישְׁט פוּן אִירֶע כֹּחוֹת.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שי) וויפִיל פוּן מַיינֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען בַּיי מִיר, וָואס אִיךְ הָאבּ זֵיי אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן רֶפֶשׁ וָטִיט, זֵיי זֶענֶען גֶעלִיגְן אִין בְּלָאטֶעס, "וְעַל יְדֵי נִתְקָרְבוּ אֵלָיו יִתְבָּרַךְ בְּהִתְקָרְבוּת כָּזֶה שֶׁאֵין לָהֶם לְהִתְבַּיֵּשׁ מִצַּדִּיקִים גְּדוֹלִים וְכוּ'", און אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעבְּרֶענְגְט צוּ אַזַא הוֹיכֶע דַּרְגָּא אַז זֵיי דַארְפְן זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען פוּן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים. נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "יֵשׁ אֶצְלִי אֲנָשִׁים", אִיךְ הָאבּ בַּיי מִיר מֶענְטְשְׁן, "שֶׁאֵינִי יוֹדֵעַ אִם הַשְּׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת הָיָה דַּי לָהֶם", וָואס אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ דֶער שְׁאוֹל תַּחְתִּית וָואלְט גֶעוֶוען גֶענוּג פַאר זֵיי, "כִּי גַּם הַשְּׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת הָיָה קָטָן לִפְנֵיהֶם", זֵיי קוּמֶען פוּן אַזַא נִידְרִיגֶע פְּלַאץ וָואס דֶער שְׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת אִיז אוֹיךְ צוּ קְלֵיין, "שֶׁאִם הָיָה אֶפְשָׁר לָהֶם לַחְתֹּר תַּחַת שְׁאוֹל תַּחְתִּית הָיוּ חוֹתְרִים", וָואלְט מֶען וֶוען גֶעקֶענְט אוֹיפְגְרָאבְּן אַ טִיפֶערֶע לָאךְ פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת - וָואלְט מֶען וֶוען גֶעדַארְפְט פַאר זֵיי גְרָאבְּן אַ טִיפֶערֶע לָאךְ, "וְעַל יְדֵי נִתְקָרְבוּ אֵלָיו יִתְבָּרַךְ בְּהִתְקָרְבוּת כָּזֶה שֶׁאֵין לָהֶם לְהִתְבַּיֵּשׁ מִצַּדִּיקִים גְּדוֹלִים", און דוּרְךְ מִיר זֶענֶען זֵיי גֶעקוּמֶען צוּ אַזַא גְרוֹיסֶע דַּרְגָּא, אַז זֵיי דַארְפְן זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען פוּן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים.

נֶעם דִי עֵצוֹת וָואס דוּ הֶערְסְט בַּיי דִי שִׁיעוּרִים און טוּ עֶס, וֶועסְטוּ זֶען וָואס וֶועט פַּאסִירְן, דוּ וֶועסְט וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק. מֶענְטְשְׁן גְלֵייבְּן נִישְׁט אַז דִי עֵצוֹת הֶעלְפְן טַאקֶע, מֶענְטְשְׁן טְרַאכְטְן 'דִי עֵצוֹת אִיז גוּטֶע חִיזוּק, אָבֶּער נִישְׁט אוֹיף מִיךְ צוּ טוּישְׁן אִיךְ זָאל טַאקֶע וֶוערְן אַ צַדִיק', אַ שָׁאד אַז מֶען טוּט נִישְׁט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, וַוייל וֶוער עֶס פָאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶר בַּאנוּצְט זִיךְ מִיט דִי עֵצוֹת, עֶר הוֹיבְּט אָן לֶערְנֶען אוֹיפְן וֶועג ווִי אַזוֹי דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן צוּ לֶערְנֶען, עֶר לֶערְנְט כְּסִדְרָן בְּהַתְמָדָה רַבָּה און שְׁטֶעלְט זִיךְ נִישְׁט אָפּ, און אַז מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט - גֵייט מֶען וַוייטֶער, מֶען זָאגְט דִי וֶוערְטֶער (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו). בִּיז אַ קוּרְצֶע צַייט וֶוערְט מֶען מַמָּשׁ אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט מִן הַקָּצֶה אֶל הַקָּצֶה, מֶען וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

אַזוֹי אוֹיךְ דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת; רֶעדְן, שְׁמוּעֶסְן, שְׁרַייעֶן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן. מֶען דַארְף אַלֶעס דֶערְצֵיילְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס וָואס מֶען טְרַאכְט, אַלֶעס וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע וַוארְפְט אַרָאפּ, אוּן שְׁרַייעֶן אוּן וֵויינֶען: "הָאבּ רַחֲמָנוּת, טַאטֶע רַאטֶעוֶוע מִיר", בִּיז מֶען וֶוערְט אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַארְוָואס נָאר אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין קִינְדֶער?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

פַארְוָואס נָאר אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין קִינְדֶער?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ו אִיָּר, מ"א לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

'לָמָּה?' 'פַארְוָואס?' - יֹאמְרוּ הַגּוֹיִם, זָאגְט אַ גוֹי; אַ גוֹי פְרֶעגְט: "פַארְוָואס?" אַ אִיד פְרֶעגְט נִישְׁט קַיין שְׁאֵלוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ אִיד בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶער רֶבִּי זָאגְט: "אַשְׁרֵי הָעָם, ווארוּ אִיז אוּנְז אִידְן, שֶׁכָּכָה לוֹ, אַז אַזוֹי אִיז צוּ אִים"; אַנְשְׁטָאט 'פַארְוָואס?' וֵוייסְט מֶען 'אַזוֹי!' ווִי אַזוֹי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט אִיז גוּט, 'ווִי אַזוֹי? אָט אַזוֹי!'

גֵיי שְׁרֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דַיין שְׁפְּרַאךְ, אִין אִידִישׁ: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וָואס אִיז מִיט מִיר? אִיךְ בִּין פוּל מִיט קַשְׁיוֹת? אִיךְ ווִיל אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אִיךְ ווִיל נִישְׁט הָאבְּן קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיף דִיר, אִיךְ ווִיל גְלֵייבְּן אַז וָואס דוּ טוּסְט אִיז גוּט".

נָאר נָאכְן בֶּעטְן אוֹיף אֱמוּנָה - וֶועסְטוּ קֶענֶען בֶּעטְן אוֹיף קִינְדֶער. כָּל זְמַן דוּ בִּיסְט בְּעַצְבוּת, דוּ הָאסְט טַעֲנוֹת, מִיט קֻשְׁיוֹת, מִיט 'פַּארְוָואס?' מִיט 'פַּארְוֶועם?' - אִיז נִישְׁט גוּט, אַז דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵיילִיךְ - וֶועלְן דַיינֶע תְּפִילוֹת זַיין זִיס אוּן גֶעשְׁמַאק בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת תְּפִלָּה, סִימָן פא): "תְּפִלָּה שֶׁהִיא בְּשִׂמְחָה, הִיא עֲרֵבָה וּמְתוּקָה לַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ", דִי תְּפִילוֹת וָואס מֶען בֶּעט מִיט שִׂמְחָה - אִיז זִיס אוּן גֶעשְׁמַאק בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וִוי אַזוֹי הֵייבּ אִיךְ אָן פוּן פְרִישׁ, וֶוען אִיךְ פַאל כְּסֵדֶר צוּרִיק?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזּוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א; פוּן דִי דְרָשׁוֹת, פוּן דִי בְּרִיוו אוּן אַלֶעס אַרוּם.

אִיךְ דַארְף אַסַאךְ חִיזּוּק. אִין מַיינֶע בָּחוּר'ישֶׁע יָארְן בִּין אִיךְ גֶעוֶוען זֵייעֶר וַוייט פוּן גוּט, פוּל מִיט רְאִיּוֹת אֲסוּרוֹת אוּן שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת זַייט אִיךְ גֶעדֶענְק זִיךְ, שׁוֹין אָפְּגֶערֶעדְט וֶוען אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעקוֹיפְט אַ טֶעלֶעפָאן אוּן לֵיידֶער זִיךְ אָנְגֶעקוּקְט מִיט פִיל שְׁלֶעכְטְס, אוּן גָאר אַסַאךְ דוּרְכְגֶעפַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִיצְלָן. אִיךְ הָאבּ פַארְלוֹירְן דִי חֵשֶׁק צוּ אַלֶעס, אוּן אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ קֶען נִישְׁט מֶער אָנְגֵיין.

פַאר עֶטְלִיכֶע יָאר צוּרִיק הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן דִי "חִיזּוּק יוֹמִי" פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אוּן דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת, אָבֶּער נָאךְ אַ וָואךְ הָאבּ אִיךְ שׁוֹין אוֹיפְגֶעהֶערְט, אוּן דַאן הָאט מִיר יֶעדֶע פָּאר וָואכְן נָאכְאַמָאל אָנְגֶעכַאפְּט אַן הִתְעוֹרְרוּת אוּן אִיךְ הָאבּ אָנְהוֹיבְּן אַבִּיסְל לֶערְנֶען אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס הָאט אָנְגֶעהַאלְטְן פַאר עֶטְלִיכֶע טֶעג אוּן נָאכְדֶעם ווידֶער צוּרִיק גֶעפַאלְן, אַזוֹי אִיז עֶס גֶעגַאנְגֶען כְּסֵדֶר עֲלִיּוֹת וִירִידוֹת.

דָאס יָאר הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן דַאן הָאבּ אִיךְ בַּאקוּם אַ שְׁטַארְקֶע שְׁטוּפּ אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט אַ פֶּעסְטְקֵייט לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת, חַ"י

פְּרָקִים יֶעדְן טָאג, אָבֶער אִיךְ בִּין נָאךְ זֵייעֶר זֵייעֶר ווייט פון צוּ זַיין עֶרְלִיכֶער אִיד, אֵיין מִינוּט בִּין אִיךְ גוּט און דִי צְווייטֶע מִינוּט פַאל אִיךְ ווייטֶער צוּרִיק, אַזוֹי גֵייט עֶס כְּסֵדֶר אַהִין און צוּרִיק, אַרוֹיף און אַרָאפּ.

אִיךְ הָאב שׁוֹין אַזוֹיפִיל מָאל פְּרוּבִּירְט אָנְצוּהוֹיבְּן פון פְרִישׁ און אִיךְ בִּין נָאכְאַמָאל גֶעפַאלְן, אִיךְ ווייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, עֶס זֶעט מִיר נִישְׁט אוֹיס ווִי אִיךְ קֶען זִיךְ הַאלְטְן שְׁטַארְק און נִישְׁט צוּרִיק פַאלְן. יֶעדֶעס מָאל וָואס אִיךְ מַאךְ אָפּ מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט אַז אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין פון יֶעצְט עֶרְלִיךְ און וואוֹיל, דֶערְזֶע אִיךְ זִיךְ נִישְׁט לַאנְג שְׁפֶּעטֶער ווִידֶער אַרָאפְּפַאלְן, און דָאס הַאלְט מִיךְ אָפּ פון זִיךְ קֶענֶען בֶּאֱמֶת אוֹיפְהֵייבְּן.

ווִי אַזוֹי קֶען אִיךְ אָנְהוֹיבְּן אַ פְרִישֶׁע בְּלֶעטְל אִין לֶעבְּן און נִישְׁט צוּרִיק קוּקְן צוּ דִי שְׁלֶעכְטֶע פַארְגַאנְגֶענְהֵייט - אִין דִי צַייט וָואס אִיךְ ווייס אַז לִכְאוֹרָה גֵיי אִיךְ יָא צוּרִיק פַאלְן? אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט דֶערְהַאלְטְן פַאר צוּ לַאנְג.

אִיךְ הָאף דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן מִיט עֵצוֹת און חִיזוּק.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ו אִיָּר, מ״א לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס ווִילְסְטוּ? ווִילְסְט וֶוערְן אַ מַלְאָךְ?! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶענוּג מַלְאָכִים, ווִילְסְט וֶוערְן אַ שָׂרָף? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בִּילִי בִּילְיָאנֶען, אָן קַיין נוּמֶער - מַלְאָכִים, שְׂרָפִים, חַיּוֹת וְאוֹפַנֵּי הַקּוֹדֶשׁ - וָואס בְּרֶענֶען אָן קַיין אוֹיפְהֶער; דָאךְ הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְז בַּאשַׁאפְן, און פון אוּנְז מֶענְטְשֶׁעלֶעךְ וָואס מִיר הָאבְּן שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת - טוּעֶן אִים דִינֶען - הָאט עֶר אַ נַחַת רוּחַ.

אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ז׳): ״כִּי מִי שֶׁיּוֹדֵעַ קְצָת בִּידִיעָתוֹ יִתְבָּרַךְ״, וֶוער עֶס ווייסְט אַבִּיסְל וָואס אִיז חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, ״הוּא יוֹדֵעַ שֶׁעִקַּר הַתַּעֲנוּגִים וְהַשַּׁעֲשׁוּעִים שֶׁל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הוּא רַק שֶׁאֲנַחְנוּ מֵעוֹלָם הַזֶּה הַשָּׁפָל נְגַדֵּל וּנְקַדֵּשׁ שְׁמוֹ יִתְבָּרַךְ״, דֶער ווייסְט אַז דֶער

עִיקָר תַּעֲנוּג בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז - וֶוען מִיר אִידְן פוּן אַזַא נִידְרִיגֶע וֶועלְט זָאלְן אִים דִינֶען, "וְזֶהוּ עִקַּר הַתַּעֲנוּגִים וְהַשַּׁעֲשׁוּעִים שֶׁל הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ", דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע תַּעֲנוּג אוּן זִיסְקֵייט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז מִיר זָאלְן אִים דִינֶען; אַזוֹי ווִי מֶען זָאגְט בַּיים דַאוֶונֶען (מוּסָף לְיוֹם כִּיפּוּר): "וְאָבִיתָ תְהִלָּה מִגּוּשֵׁי עָפָר מִקְּרוּצֵי חֹמֶר", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶוערְט גֶעלוֹיבְּט דוּרְךְ שְׁטִיקֶער בְּלָאטֶע וְכוּ', "כִּי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יֵשׁ לוֹ שְׂרָפִים וְחַיּוֹת וְאוֹפַנִּים וְעוֹלָמוֹת עֶלְיוֹנִים שֶׁהֵם עוֹבְדִים אוֹתוֹ יִתְבָּרַךְ", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאךְ בְּרֶענֶעדִיגֶע מַלְאָכִים, מַלְאָכִים וָואס הֵייסְן חַיּוֹת, מַלְאָכִים וָואס הֵייסְן וֶועגֶענֶער; אַזוֹיפִיל וֶועלְטְן וָואס דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְאַף עַל פִּי כֵן עִקַּר הַתַּעֲנוּג וְהַשַּׁעֲשׁוּעַ שֶׁלּוֹ כְּשֶׁעוֹלָה לְמַעְלָה הָעֲבוֹדָה שֶׁל עוֹלָם הַשָּׁפָל הַזֶּה", דָאךְ הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מֶער הַנָאָה פוּן מִיר וָואס מִיר זֶענֶען דָא אִין דִי וֶועלְט.

אַ ווִיכְטִיגֶע זַאךְ, זָאלְסְט לֶערְנֶען אַ קְלֵיינֶע תּוֹרָה פוּן רֶבִּי'ן (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן ערב); אַ קְלֵיינֶע תּוֹרָה אוּן אַ ווִיכְטִיגֶע תּוֹרָה, זֵייעֶר ווִיכְטִיג פַארְן לֶעבְּן. דֶער רֶבִּי רֶעדְט דָארְט אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים צה, ז): "הַיּוֹם אִם בְּקֹלוֹ תִשְׁמָעוּ", אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווִיל אָנְהוֹיבְּן עֶפֶּעס צוּ טוּן - סַיי בְּרוּחָנִיּוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת - דַארְף עֶר נֶעמֶען דֶעם כְּלַל פַאר זִיךְ, צוּ קוּקְן נָאר אוֹיפְן הַיינְטִיגְן טָאג; ווַייל וֶוען מֶען ווִיל אָנְהוֹיבְּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַאכְט זִיךְ פַארְן מֶענְטְשׁ אַז עֶר נֶעמְט אוֹיף זִיךְ אַ שְׁוֶוערֶע לַאסְט, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ טְרַאכְטְן אַז מֶען קֶען נִישְׁט נֶעמֶען דִי עֲבוֹדָה, "אֲבָל כְּשֶׁיַּחְשֹׁב שֶׁאֵין לוֹ רַק אוֹתוֹ הַיּוֹם, לֹא יִהְיֶה לוֹ מַשָּׂא כְּלָל", אָבֶּער אַז מֶען טְרַאכְט נָאר פוּנֶעם הַיינְטִיגְן טָאג - אִיז עֶס בִּכְלַל נִישְׁט שְׁוֶוער, מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי: "הַיּוֹם אִם בְּקוֹלוֹ תִשְׁמָעוּ", 'הַיּוֹם' דַיְקָא, וְהָבֵן, עַיֵּין שָׁם.

טְרַאכְט פוּן הַיינְט, טְרַאכְט נִישְׁט פוּן מָארְגְן, אַז מָארְגְן גֵייסְטוּ אוֹיפְהֶערְן מִיט חַ"י פְּרָקִים וְכַדוֹמֶה, טְרַאכְט נָאר פוּן דִי הַיינְטִיגֶע טָאג - וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין, דוּ וֶועסְט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן אַז דוּ פַאלְסְט נָאכְאַמָאל אַרָאפּ - זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן אוּן נִישְׁט בְּלַייבְּן אוֹיפְגֶעגֶעבְּן. דָאס אִיז דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע זַאךְ וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז, דָאס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע וֶוערְטֶער וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי'ן, אִין חָלוֹם. רֶבִּי נָתָן הָאט זִיךְ

גֶע׳חָלוֹמְ׳ט ווִי עֶר קְרִיכְט אַרוֹיף אוֹיף אַ לֵייטֶער אוּן פַאלְט אַרָאפּ, עֶר פְּרוּבִּירְט נָאכְאַמָאל אוּן פַאלְט נָאכְאַמָאל אַרָאפּ, אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען עֶטְלִיכֶע מָאל - עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט צוּ קְרִיכְן אוּן אִיז אַלְץ צוּרִיק גֶעפַאלְן, אִינְמִיטְן זֶעט עֶר ווִי אוֹיבְן בַּיים שְׁפִּיץ פוּנֶעם לֵייטֶער שְׁטֵייט אַ מֶענְטְשׁ אוּן עֶר זָאגְט אִים: "דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ!" 'דְרַאפֶּע זִיךְ' מֵיינְט 'לָאז זִיךְ נִישְׁט נָאךְ', אוּן עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט פוּן זַיין שְׁלָאף. שְׁפֶּעטֶער וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן, הָאט עֶר גֶעזֶען אַז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אִים גֶעזָאגְט אִין חָלוֹם: "דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ" - אִיז נִישְׁט קַיין צְוֵוייטֶער ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי.

דָאס אִיז נִישְׁט נָאר גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן פַאר רֶבִּי נָתָן, וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן פַאר אַלֶעמֶען; דֶער רֶבִּי זָאגְט פַאר יֶעדְן פוּן אוּנְז: "דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ!"

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**ווִי אַזוֹי פּוֹעֵל אִיךְ בַּיי מַיין וַוייבּ זִי זָאל פּוּצְן דִי זִילְבֶּער?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִזּוּק אוּן דְּרָשׁוֹת. אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעוָואלְט דוּרְכְרֶעדְן אִיבֶּער אַן עִנְיָן וָואס שְׁטֶערְט מִיר פוּן מַיין וַוייבּ. אִיךְ בֶּעט אִיר כְּסֵדֶר אַז זִי זָאל פּוּצְן אוּן רֵיינִיגְן דִי זִילְבֶּערְוַוארְג, עֶס לִיגְט שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט אוּן עֶס וֶוערְט נָאר מֶער אוּן מֶער שְׁמוּצִיג אוּן אַלְט, אוּן אִיךְ בֶּעט זִיךְ בַּיי אִיר אַז זִי זָאל עֶס רֵיינִיגְן, אָבֶּער זִי נֶעמְט עֶס זֵייעֶר שְׁוֶוער, זִי וֶוערְט בְּרוֹגֶז אַז אִיךְ לֵייג אַרוֹיף אִיבְּרִיגֶע אַרְבֶּעט אוֹיף אִיר, אָבֶּער אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק אַז דִי זִילְבֶּער זָאל זַיין שֵׁיין, עֶס גֶעבְּט אַזוֹיפִיל צוּ צוּ דִי הוֹיז אוּן צוּם שַׁבָּת. וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא א׳, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן, מ״ה לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

וָואס דוּ קֶענְסְט טוּן? קֶענְסְט אַרוֹיפְשַׁארְצְן דַיינֶע עֶרְמְל אוּן דָאס אוֹיסְפּוּצְן.

וָואס ווילְסְטוּ פוּן דַיין וַוייבּ? וָואס קוּמְט זִי דִיר? זִי הָאט נִישְׁט גֶענוּג אַרְבֶּעט?! נָאךְ שַׁיין אַז זִי וֶוערְט בְּרוֹגֶז אוֹיף דִיר, אַנְשְׁטָאט דוּ זָאלְסְט אִיר הֶעלְפְן מִיט דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט, מִיט דִי קִינְדֶער - לֵייגְסְטוּ אִיר אַרוֹיף נָאךְ אַרְבֶּעט; פַארְוָואס זָאלְסְטוּ אִיר נִישְׁט הֶעלְפְן מִיט דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט? דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט ווִי אַזוֹי אַ אִיד דַארְף זִיךְ פִירְן אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי וַוייבּ, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן רסד): ״הֲלֹא הַנָּשִׁים הֵם סוֹבְלִים צַעַר וְיִסּוּרִים גְּדוֹלִים מְאֹד מְאֹד מִיַּלְדֵיהֶם״, פְרוֹיעֶן לַיידְן זֵייעֶר אַסַאךְ צַעַר אוּן יְסוּרִים פוּן דִי קִינְדֶער, ״צַעַר הָעִבּוּר, וְהַלֵּדָה, וְהַגִּדּוּל״, זֵיי גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַסַאךְ וֵוייטָאג בַּיים וַוארְטְן, בַּיים גֶעבּוֹירְן אוּן בַּיים אוֹיפְצִיעֶן, ״כַּאֲשֶׁר יָדוּעַ לַכֹּל, עֹצֶם מַכְאוֹבָם וְצַעֲרָם וְיִסּוּרֵיהֶם״, אַזוֹי ווִי עֶס אִיז בַּאווּיסְט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם זֵייעֶר וֵוייטָאג, זֵייעֶר צַעַר אוּן זֵייעֶר יְסוּרִים.

קֶען זַיין אִין אַנְדֶערֶע פְּלֶעצֶער אִיז אַ בּוּשָׁה צוּ רֶעדְן פוּן שָׁלוֹם בַּיִת, עֶס פַּאסְט נִישְׁט צוּ רֶעדְן פוּן הֶעלְפְן דִי וַוייבּ, אָבֶּער בַּיים רֶבִּינְ׳ס חֶדֶר אִיז דָאס עֲבוֹדַת הַשֵּׁם. דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זֵייעֶר אַסַאךְ מְחַזֵּק גֶעוֶוען מִיר זָאלְן הֶעלְפְן דִי וַוייבּ אוּן רֶעדְן שַׁיין אִין שְׁטוּבּ, וַוייל נָאר מִיט שָׁלוֹם בַּיִת אִיז דָא אַ מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ הָאבְן אַ רֵיינֶע מֹחַ, אַ רֵיינֶע הַארְץ - פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז מֶען קְרִיגְט זִיךְ - פַאלְט מֶען אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן רסג): ״זֶה מַעֲשֵׂה בַּעַל דָּבָר, שֶׁמַּנִּיחַ אֶת עַצְמוֹ עַל זֶה מְאֹד, לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁל בְּנֵי הַנְּעוּרִים, כְּדֵי שֶׁיִּתָּפְסוּ בִּמְצוּדָתוֹ חַס וְשָׁלוֹם עַל יְדֵי זֶה״, דֶער יֵצֶר הָרָע זוּכְט צוּ מַאכְן אַ קְרִיגֶערֵיי צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, עֶר ווִיל נָאר מֶען זָאל זִיךְ צֶעטֵיילְן, וַוייל אַזוֹי קֶען עֶר גְרִינְגֶער אַרָאפְּוַוארְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אִין עֲבֵירוֹת,

"כִּי הוּא אוֹרֵב עַל זֶה מְאֹד, לְתָפְסָם בִּנְעוּרֵיהֶם עַל יְדֵי קִלְקוּל הַשְּׁלוֹם בַּיִת חַס וְשָׁלוֹם, שֶׁגּוֹרֵם בְּעַרְמוּמִיּוּתוֹ לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁבֵּינֵיהֶם", דֶער יֵצֶר הָרָע לָאקֶערְט אוֹיף יוּנְגֶע פָּארְפֶּעלְקֶער זֵיי צוּ צֶעטֵיילְן, אַזוֹי וַוארְפְט עֶר זֵיי אַרָאפּ אִין שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת.

זִילְבֶּער קֶען מֶען שְׁפֶּעטֶער אוֹיסְפּוּצְן, אָבֶער אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְקֵייט פוּן דִי וַוייבּ, אוֹיבּ מֶען הֶעלְפְט נִישְׁט - קֶען זִיךְ עֶס צֶערֵייסְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ; הֶעלְף אִיר אוּן לֵייג נִישְׁט אַרוֹיף נָאךְ אַרְבֶּעט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיז דָא אַ פַּאל וָואס מֶען דַארְף גֶעבְּן רִיטֶעלִין פַאר אַ קִינְד?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ עֶס אִיז אֱמֶת אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הַאלְט אַז מֶען טָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעבְּן קַיין רִיטֶעלִין פַאר קַיין אֵיין קִינְד?

מִיר הָאבְּן אַ קִינְד בַּיי אוּנְז אִין חֵדֶר וָואס דַארְף עֶס הָאבְּן זֵייעֶר וִויכְטִיג, אָן דֶעם קֶען עֶר זִיךְ נִישְׁט בַּאהֶערְשְׁן, אוּן מַאכְט שָׁאדְנְס אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען. זַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן אָבֶער לֶעצְטְנְס אוֹיפְגֶעהֶערְט עֶס צוּ גֶעבְּן, אוּן זֵיי זָאגְן אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הַאלְט אַז מֶען זָאל עֶס נִישְׁט גֶעבְּן, אִיז דָאס רִיכְטִיג?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרְשַׁת נָשֹׂא א', רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן, מ"ה לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, יַבְנְאֵל**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

חַס וְחָלִילָה, מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט קְלָאר אַז עֶס אִיז נִישְׁט גֶעפֶּערְלִיךְ צוּ גֶעבְּן פַאר קִינְדֶער רִיטֶעלִין. אִיךְ זָאג בַּיי אוּנְז אִין מוֹסָד פַאר דִי מְלַמְּדִים אוּן

לֶערֶערִינְס אַז דָאס זָאלְן דִי עֶלְטֶערְן מַחְלִיט זַיין, אוֹיבּ זֵיי הַאלְטְן מֶען דַארְף גֶעבְּן, אוּן אַז דָאס קִינְד אִיז לֶעבֶּעדִיג - מֵיינְט נָאכְנִישְׁט אַז עֶר דַארְף דָאס הָאבְּן, אָבֶּער אַז דָאס קִינְד קֶען נִישְׁט לֶעבְּן אָן דֶעם - זָאלְן דִי עֶלְטֶערְן טוּן דָאס בֶּעסְטֶע פַארְן קִינְד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער פוּן דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן זַיין אֵיידְל אוּן עֶרְלִיךְ**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בְּהַר בְּחוּקוֹתַי, י״ז אִיָּר, ל״ב בָּעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן, אַתְרָא קַדִּישָׁא מִירוֹן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, לֵייגְט אַרַיין אִין אוּנְזֶערֶע תַּלְמִידוֹת אַ לִיבְשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ לִיבְשַׁאפְט צוּ דִי תּוֹרָה. הַיינְט נַאכְט, לַ״ג בָּעֹמֶר, אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער טָאג, מֶען קֶען פּוֹעֶלְ׳ן יְשׁוּעוֹת פַאר זִיךְ אוּן פַאר אַנְדֶערֶע.

רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער פוּן דָאס שֵׁיינְקֵייט אוּן הֵיילִיגְקֵייט פוּן זַיין אֵיידְל אוּן עֶרְלִיךְ. רֶעדְט צוּ זֵיי פוּן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זִיךְ אָפְּשֶׁערְן דִי הָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה, פוּן דִי בְּרָכוֹת וָואס דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא אֱלוֹקִי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען פַאר דִי פְרוֹיעֶן וָואס שֶׁערְן זִיךְ אָפּ דִי הָאר; גוּטֶע קִינְדֶער, עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, שָׁלוֹם בַּיִת, פַּרְנָסָה אוּן וָואס נִישְׁט.

אַז אִיר וֶועט מִיר הֶעלְפְן מִיט דִי תַּלְמִידוֹת פוּן בֵּית פֵיגָא - זָאג אִיךְ אַייךְ צוּ נַחַת בַּיי אַייעֶרֶע קִינְדֶער, אוּן אוֹיךְ אַלֶע פְרוֹיעֶן וָואס הֶעלְפְן אִין בֵּית פֵיגָא, וָואס טוּעֶן פַאר אוּנְזֶערֶע טֶעכְטֶער - וֶועלְן זוֹכֶה זַיין צוּ נַחַת בַּיי דִי קִינְדֶער.

וֶוען אִיר רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער אוּן צוּ דִי וַויבְּלֶעךְ - זָאלְט אִיר רֶעדְן אַזוֹי וִוי דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ רֶעדְט, אַלְץ קוֹדֶם ׳וואוּיל זֶענֶען דִי וָואס גֵייעֶן אִין דִי תּוֹרָה וֶועג׳, אוּן נָאכְדֶעם ׳וֵויי אִיז פַאר דִי וָואס גֵייעֶן נִישְׁט אִין דִי תּוֹרָה

װעג׳; קוֹדֶם אַסַאךְ אוֹיסְלוֹיבְּן אוּן אוֹיסְרוּמֶען דָאס שֵׁיינְקֵייט פוּן דִי תּוֹרָה װעג.

...

**נֶעמְט זִיךְ פָּאר אַ גוּטֶע זַאךְ אִין צְנִיעוּת, צוּ װֶוערְן אִינְגַאנְצְן גֶעזוּנְט**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בְּהַר בְּחוּקוֹתַי, י״ז אִיָּר, ל״ב בָּעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן, אַתְרָא קַדִּישָׁא מִירוֹן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

נֶעמְט זִיךְ פָּאר אַ גוּטֶע זַאךְ אִין צְנִיעוּת, אִיךְ זֶע אִיר מוּטְשֶׁעט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק, אִיר הָאט אַזֶעלְכֶע יְסוּרִים; זָאלְט אִיר עֶפֶּעס פַארְבֶּעסֶערְן אִין צְנִיעוּת.

נִישְׁט אַז אִיר זֶענְט נִישְׁט גוּט, אִיר זֶענְט זֵייעֶר גוּט אוּן זֵייעֶר וואוֹיל, אָבֶּער דַיין אֵיידְל הָאט נִישְׁט קַיין שִׁיעוּר, מֶען קֶען אַלְץ טוּן בֶּעסֶער.

אִיךְ בֶּעט אַסַאךְ פַּאר אַייךְ, דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ הָאבּ אִיךְ גֶעוֵויינְט אִין דִי מַעֲרָה בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי פַּאר אַייךְ, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ הֵיילְן.

אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן גוּטֶע נַייעֶס, אַז אִיר זֶענְט שׁוֹין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

...

**מַאךְ דַיין טָאכְטֶער אַ כַּלָּה, רַאטֶעוֶוע אִיר וִוי לַאנְג זִי אִיז עֶרְלִיךְ אוּן רֵיין**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בְּהַר בְּחוּקוֹתַי, י״ז אִיָּר, ל״ב בָּעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן, אַתְרָא קַדִּישָׁא מִירוֹן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

דַיין טָאכְטֶער הָאט זֵייעֶר גֶעוֵויינְט צוּ מִיר, זִי הַאלְט שׁוֹין נִישְׁט אוֹיס, זִי ווִיל חֲתוּנָה הָאבְּן. ווִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן מַיין לִיבֶּער חָבֵר, מַאךְ אִיר אַ כַּלָּה, טוּ

וָואס אִיז רִיכְטִיג, וָואס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה; וַוייל הַיינְט אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, דֶער דוֹר פַּאלְט טוֹיזְנְטֶער דַּרְגוֹת יֶעדְן טָאג און עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע רַחֲמָנוּת אוֹיף אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, דִי נִסְיוֹנוֹת זֶענֶען גֶעפֶערְלִיךְ און עֶס אִיז דָא נָאר אֵיין עֵצָה - זַיי חֲתוּנָה מַאכְן.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, מַאךְ דַיין טָאכְטֶער אַ כַּלָּה, רַאטֶעוֶוע אִיר וִוי לַאנְג זִי אִיז עֶרְלִיךְ און רֵיין; וַוארְט נִישְׁט זִי זָאל פַּאלְן, זִי אִיז אַ גוּט קִינְד, אַן אוֹיסְגֶעצֵייכְנְטֶע תַּלְמִידָה, אָבֶּער מֶען דַארְף וִויסְן אַז אוֹיסְגֶעצֵייכְנְט מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז מֶען בְּלַייבְּט אוֹיסְגֶעצֵייכְנְט; נָאר אַז מֶען גֵייט אִין דִי תּוֹרָה וֶועג - קֶען מֶען בְּלַייבְּן אוֹיסְגֶעצֵייכְנְט.

יֶעצְט וֶועט מֶען מוּזְן מוֹדֶה זַיין צוּ מוֹהֲרַא"ש, וֶוען עֶס קוּמֶען אַרַיין שְׁרֶעקְלִיכֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן דִי שֶׁענְסְטֶע און בֶּעסְטֶע מוֹסְדוֹת, וִוי מֵיידְלֶעךְ פַּאלְן אִין עֲבֵירוֹת, יֶעצְט וֶועט מֶען מוּזְן אוֹיפְהֶערְן לַאכְן פוּן מוֹהֲרַא"ש און טוּן וָואס מוֹהֲרַא"ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אַז נָאר חֲתוּנָה הָאבְּן אִיז דִי עֵצָה; נָאר חֲתוּנָה הָאבְּן רַאטֶעוֶועט דֶעם דוֹר.

אִיבֶּערְפֶּעינְטְן אַ הוֹיז קֶען מֶען שְׁפֶּעטֶער, אָבֶּער אַ שִׁידוּךְ טוּן - אִיז קֵיינֶער נִישְׁט פַארְזִיכֶערְט אַז מֶען וֶועט קֶענֶען טוּן שְׁפֶּעטֶער.

...

**לָאז זִיךְ נִישְׁט נָאךְ, נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּהַר בְּחוּקוֹתַי, י"ז אִיָּיר, ל"ב בָּעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אַתְרָא קַדִּישָׁא מִירוֹן**

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דֶעם בְּרִיוו אִין מִירוֹן, בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי.

שְׁטַארְק זִיךְ בְּרוּדֶער, נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ, לָאז זִיךְ נִישְׁט נָאךְ, נָאךְ אַבִּיסְל וֶועסְטוּ טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ. אַ שִׁידוּךְ הָאט נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, נָאר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

גֵיי אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען דִי דְרַיי תְּפִלּוֹת מִיט מִנְיָן און לֶערְן דַיינֶע שִׁיעוּרִים

כְּסִדְרָן בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָהּ, עַל פִּי סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (כַּמְּבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), "שֶׁאֵין צְרִיכִין בְּלִימוּד רַק הָאֲמִירָה לְבַד, לוֹמַר הַדְּבָרִים כְּסִדְרָן וּמִמֵּילָא יָבִין".

זָארְג נִישְׁט, הָאבּ נִישְׁט מוֹרָא, זַיי פְרֵיילִיךְ; גֵיי אַרוּם מִיט אַ שְׁמֵייכְל, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ עוֹסֵק זַיין בַּהֲפָצָה.

נָאכְאַמָאל, זָארְג נִישְׁט וֶועגְן אַ שִׁידוּךְ, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ גוּטֶער פְרֵיינְד. זָאג אִים וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז דִיר, זָאג אִים וִוי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט זַיין גוּט, אוּן וִוי דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְט אִין דִיר וְכוּ' וְכוּ' - וֶועסְטוּ בְּרֶענְגֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס רַחְמָנוּת צוּ דִיר, אוּן דוּ וֶועסְט הָאבְּן דַיין שִׁידוּךְ.

...

### ווִיפִיל צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער אִידְן זֶענֶען זִיךְ מִתְעוֹרֵר לִתְשׁוּבָה פוּן דַיין אַלְבּוֹם

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת בְּהַר בְּחוּקוֹתַי, י"ז אִיָּר, ל"ב בָּעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

וֶוען דוּ וָואלְסְט וֶוען גֶעוִויסְט וָואס דִי סִי דִי וָואס דוּ הָאסְט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן "אִיךְ דַארְף נִישְׁט קֵיינֶעם"; ווִיפִיל צֶענְדְלִיגֶער טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ מִתְעוֹרֵר לִתְשׁוּבָה, ווִיפִיל מֶענְטְשְׁן נֶעמֶען חִיזּוּק פוּן דֶעם טָאג נָאךְ טָאג - וָואלְסְטוּ מִיר זִיכֶער גֶעהָאלְפְן אַרוֹיסְצוּגֶעבְּן יֶעדֶע פָּאר חֳדָשִׁים נָאךְ אַ סִי דִי.

טֵייעֶרֶער ...., מַאךְ זִיךְ אַ שִׁיעוּר אִין מִשְׁנָיוֹת, לֶערְן יֶעדְן טָאג צוּם וֵויינִיגְסְטְנְס צְוֵויי פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת, זָאג דִי וֶוערְטֶער, אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין; דָאס בְּרֶענְגְט פַּרְנָסָה אוּן דָאס מַאכְט פְרֵיילִיךְ, עֶס נֶעמְט אַוֶועק אַלֶע אוּמְזִיסְטֶע זָארְג.

...

### אַז מֶען הִיט נִישְׁט דִי הֲלָכוֹת, בְּרֶענְגְט מֶען צָרוֹת אוֹיף זִיךְ אוּן אוֹיף דִי שְׁכֵנִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בְּהַר בְּחוּקוֹתַי, י״ז אִיָּר, ל״ב בָּעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן, אַתְרָא קַדִּישָׁא מִירוֹן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

מֶען מוּז הִיטְן דִי הֲלָכוֹת נָאךְ דִי חֲתוּנָה, מֶען דַארְף הַאלְטְן חֶשְׁבּוֹן אוֹיף דִי טֶעג וְכוּ׳, וַוייל אַז מֶען הִיט נִישְׁט דִי הֲלָכוֹת - בְּרֶענְגְט מֶען צָרוֹת אוֹיף זִיךְ אוּן אוֹיף דִי שְׁכֵנִים.

אִיךְ צִיטֶער וָואס גֵייט זַיין. יֶעצְט בַּאקוּם אִיךְ אַן הוֹדָעָה אִין מִירוֹן אַז מֶען הָאט גֶעטְרָאפְן בַּיי אַ יוּנְגֶע וַוייבְּל, אַ מַאמֶע פוּן אַ שְׁטוּב מִיט קִינְדֶער וָואס וואוֹינְט אִין שְׁטֶעטְל - יֶענֶע מַעֲשֶׂה. אַז מֶען הִיט דִי הֲלָכוֹת, מֶען שְׁפִּילְט נִישְׁט אַרוּם מִיט דִי הֲלָכוֹת - אִיז מֶען אָפְּגֶעהִיטְן, סַיי בַּיי זִיךְ אוּן סַיי בַּיי דִי שְׁכֵנִים.

טוּ תְּשׁוּבָה, אוּן פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער זָאלְט אִיר לֶעבְּן מִיט דִי הֲלָכוֹת, מִיט דִי הַרְחָקוֹת, מִיט דִי לוּחַ יוֹם הַחוֹדֶשׁ, יוֹם הַפְלָגָה וְכוּ׳.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער, עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין צָרוֹת בַּיי קֵיינֶעם.

...

### רֶעד צוּ דַיין וַוייבּ אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּם חָשׁוּבְ׳סְטְן מֶענְטְשׁ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בְּהַר בְּחוּקוֹתַי, י״ח אִיָּר, לַ״ג לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן, אַתְרָא קַדִּישָׁא מִירוֹן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי מַתָּנָה, דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ׳, אוּן הַאלְט אִיר טֵייעֶר. רֶעד צוּ אִיר אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּם חָשׁוּבְ׳סְטְן מֶענְטְשׁ, רֶעד צוּ אִיר אֵיידְל אוּן וֵוייךְ, אוּן אַנְטְלוֹיף פוּן אַלֶע פַארְדְרֵיידְטֶע לִימוּדִים; שְׁפֵּיי אוֹיס דִי פַאלְשֶׁע הַדְרָכוֹת פוּן חוּמְרוֹת וּפְרִישׁוּת. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז

גֶעלֶערְנְט אַז חוּמְרוֹת אוּן פְּרִישׁוּת אִיז שְׁטוּתִים אוּן דִמְיוֹנוֹת (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מד), אוּן דָאס וַוארְפְט אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן.

לֵיידֶער אִין בְּרֶסְלֶב לֶערְנְט מֶען מִיט אַבְרֵכִים דִי דִמְיוֹנוֹת, מֶען נֶעמְט טֵייעֶרֶע אַבְרֵכִים, מֶען פַארְדְרֵייט זֵיי מִיט נַארִישֶׁע זַאכְן; נָאכְמַאכְן דֶעם בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד אוּן נָאכְמַאכְן דֶעם - דָאס וַוארְפְט אַרָאפּ דֶעם מֶענְטְשׁ. בְּרוּדֶער טֵייעֶרֶער, מִיר הָאבְן אַ הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, מֶען דַארְף זִיךְ פִירְן לוֹיט וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה, הִיטְן דִי הֲלָכוֹת אוּן גָארְנִישְׁט מֶער.

בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים (אֱמֶתְ'עֶ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים, נִישְׁט עֶכְטֶע) פִירְן זִיךְ יֶעדְן טָאג אִינְדֶערפְרִי נָאךְ מוֹדֶה אֲנִי צוּ זָאגְן אַ דַאנְק פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי וַוייבּ אוּן פַאר דִי קִינְדֶער, זֵיי דֶערְמַאנֶען זִיךְ וִוי אַזוֹי זֵיי הָאבְן אוֹיסְגֶעזֶען פַאר דִי חֲתוּנָה, זֵיי חַזֶרְ'ן דִי חֲסָדִים אוּן נִיסִים.

...

פְּלֶעכְטְס אַרַיין אִינְמִיטְן דִי פְּסוּקִים, אַייעֶרֶע אֵייגֶענֶע תְּהִלִּים וֶוערְטֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בְּהַר בְּחוּקוֹתַי, י"ט אִיָּר, ל"ד לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

הַכַּלָּה ... תִּחְיֶ'

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר זָאגְט תְּהִלִּים, אִיר הָאט שׁוֹין זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ עֶנְדִיגְן אִיבֶּער הוּנְדֶערְט מָאל דֶעם סֵפֶר תְּהִלִּים.

יֶעצְט זָאלְט אִיר וַוייטֶער זָאגְן תְּהִלִּים אוּן פְלֶעכְטְס אַרַיין אִינְמִיטְן דִי פְּסוּקִים אַייעֶרֶע אֵייגֶענֶע תְּהִלִּים וֶוערְטֶער, לוֹיבּ וֶוערְטֶער אוּן דַאנְק וֶוערְטֶער; אַזוֹי וֶועט אִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן כִּבְיָכוֹל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַלֶע מַלְאָכִים אוּן אַלֶע וֶועלְטְן, אוּן עֶס וֶועט מַאכְן רוּעֶן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי אַייךְ.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

## אַלֶע צַדִּיקִים הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעמוּטְשֶׁעט צוּ וֶוערְן וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בְּהַר בְּחוּקוֹתַי, כ׳ אִיָּר, ל״ה לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

חַסְדֵי הַשֵּׁם אִיךְ בִּין הַיְינְט אַהֵיים גֶעקוּמֶען פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן פַאר דִיר.

אִיךְ ווִיל דִיר זָאגְן, דָאס וָואס דוּ טְרַאכְטְסְט ׳צַדִּיקִים זֶענֶען גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן מִיט אַ נַאטוּר פוּן זַיין אַ צַדִּיק׳ - אִיז אַ פּוּסְטֶער לִיגְנְט, שֶׁקֶר וְכָזָב, רֶעד זִיךְ דָאס נִישְׁט אַיין פַאר אֵיין רֶגַע; וַוייל אַלֶע צַדִּיקִים הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעמוּטְשֶׁעט צוּ וֶוערְן וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן, זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, שְׁוֶוערֶער ווִי מִיר הָאבְּן, נָאר ווִיבַּאלְד זֵיי הָאבְּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן - זֶענֶען זֵיי אוֹיסְגֶעוַואקְסְן אַזוֹי גְרוֹיס.

מִיר דַארְפְן זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵק זַיין אוּן נָאכְאַמָאל זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן, נָאכְאַמָאל אָנְהוֹיבְּן מִיט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען.

אִיךְ הָאבּ גֶעטַאנְצְן מִיט דִי בָּחוּרִים הַיְינְט אִינְדֶערְפְרִי חֲזַק חֲזַק וְנִתְחַזֵּק; אִיךְ הָאף אַז דוּ בִּיסְט אוֹיךְ גֶעגַאנְגֶען אַ טֶענְצְל חֲזַק חֲזַק, אוּן אַז נִישְׁט - גֵיי יֶעצְט, אוּן אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט - זָאלְסְטוּ יֶעצְט נֶעמֶען אַ חוּמָשׁ אוּן אָנְהוֹיבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

אִיךְ בִּין גוּט אוֹיסְגֶעמַאטֶערְט, אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ וֶועל הָאבְּן דִי כֹּחוֹת צוּ גֶעבְּן אַ שִׁיעוּר הַיְינְט נַאכְט אִין מָאנְסִי שׁוּל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אַז דו נֶעמְסְט דְרָאגְס, זָאלְסְטוּ מֶער נִישְׁט קוּמֶען צוּ מִיר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בְּהַר בְּחוּקוֹתַי, כ׳ אִיָּר, ל״ה לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַז דו נֶעמְסְט דְרָאגְס - זָאלְסְטוּ מֶער נִישְׁט קוּמֶען צוּ מִיר; אִיךְ וִויל נִישְׁט הָאבְּן מֶער מִיט דִיר קַיין שַׁיְיכוּת.

אִיךְ וֶועל אַרוֹיסְוַוארְפְן פוּן אוּנְזֶער שׁוּל, פוּן אוּנְזֶער מוֹסָד - אֵיינֶער וָואס רֵייכֶערְט דְרָאגְס.

זוּךְ דִיר אַ צְוֵוייטֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

### עֶס אִיז כְּדַאי דִי שְׁוֶועריקֵייטְן, אַז קִינְדֶער זָאלְן בַּאקוּמֶען אַ וַוארֶעמֶע חִינוּךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בְּהַר בְּחוּקוֹתַי, כ׳ אִיָּר, ל״ה לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ אַ סְגוּלָה פַאר הָאבְּן קִינְדֶער; תְּפִלָּה וְהוֹדָאָה, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן! נִישְׁטָא קַיין בֶּעסֶערֶע סְגוּלָה פַאר קִינְדֶער ווִי בֶּעטְן אוּן דַאנְקֶען.

בְּנוֹגֵעַ עֶפֶענֶען אַ תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִין בֵּית שֶׁמֶשׁ; אִיךְ בִּין נִישְׁט בַּעַל הַבַּיִת אוֹיף הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען עֶפֶענֶען שׁוּלְן אוּן מוֹסְדוֹת. אָבֶּער אוֹיבּ דו ווִילְסְט עֶס זָאל זַיין אוּנְטֶער מַיין נָאמֶען - אִיז יֶעצְט נָאכְנִישְׁט דֶער צַייט פַאר דֶעם, יֶעצְט קֶענְסְטוּ שִׁיקְן דַיינֶע קִינְדֶער קַיין יְרוּשָׁלַיִם; עֶס אִיז טַאקֶע אַ שְׁלֶעפּ, עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג - אָבֶּער עֶס אִיז כְּדַאי. אַז קִינְדֶער זָאלְן בַּאקוּמֶען אַ וַוארֶעמֶע חִינוּךְ, אָן צֶעקְלַאפְּן, אָן צֶעבְּרֶעכְן - אִיז אַלֶעס כְּדַאי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דַיין וַוייבּ זָאל בַּאשְׁלִיסְן אוֹיבּ זִי ווִיל עֶס נֶעמֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בְּהַר בְּחוּקוֹתַי, כ׳ אִיָּר, ל״ה לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

בְּנוֹגֵעַ נֶעמֶען אַן עֶפִּידוּרֶעל; דִי אַלֶע וָואס מַאכְן אַ פַּאנִיק אוּן אַ שְׁרֶעק פוּן נֶעמֶען אַן עֶפִּידוּרֶעל - דִי זֶענֶען חוֹלֵי נֶפֶשׁ, מִיר קוּקְן וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט, וָואס צַדִיקִים זָאגְן.

בַּיי דַיין פַּאל אַז עֶס הָאט נָאר גֶעמַאכְט פְּרָאבְּלֶעמֶען - זָאל דַיין וַוייבּ זָאגְן וָואס זִי ווִיל, וַוייל מוֹהֲרָא״שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט מֶען זָאל נֶעמֶען אַן עֶפִּידוּרֶעל (קוּק אַרַיין אִין שׁו״ת בְּרֶסְלֶב חֵלֶק מא מִכְתָּב ה׳ תקמח). אָבֶּער אַז דָאס אַרְבֶּעט נִישְׁט מִיט דַיין וַוייבּ וְכוּ׳ - זָאל זִי זָאגְן אוֹיבּ זִי ווִיל יָא נָאכְאַמָאל פְּרוּבִּירְן.

דֶער עִיקָר זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער הֶעלְף אוּנְז עֶס זָאל זַיין גְרִינְג אוּן פְּרֵיילִיךְ".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דִי קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים וֶועט אַייךְ בְּרֶענְגֶען אַלֶע יְשׁוּעוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בְּהַר בְּחוּקוֹתַי, כ׳ אִיָּר, ל״ה לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

זֶעט צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים - וֶועט אִיר הָאבְּן אַלֶע יְשׁוּעוֹת, אִיר וֶועט זֶען נִיסִים אִין לֶעבְּן.

פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

**אַכְטוּנְג גֶעבְּן מֶען זָאל נִישְׁט קֶענֶען קוּקְן מָאוִויס אִינֶעם קִיאַסְק**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ג אִיָּר, ל״ח לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג
לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אַ אִינְגֶערְמַאן זָאגְט מִיר, זַיין וַוייבּ זִיצְט גַאנְצֶע נֶעכְט אִין אוּנְזֶער קִיאַסְק אוּן קוּקְט מָאוִויס, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען אִיז אוֹיף בַּיינַאכְט קוּקְן מָאוִויס - אִיז נִישְׁטָא קַיין מַאמֶע, נִישְׁטָא קַיין וַוייבּ, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

וָואס קֶען מֶען טוּן אַז אוּנְזֶער קִיאַסְק זָאל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן מִיט אַ גוּטֶע פִילְטֶער, מֶען זָאל נִישְׁט קֶענֶען קוּקְן קַיין עֲבֵירוֹת? אִיךְ ווִיל אַזוֹי שְׁטַארְק אוּנְזֶערֶע וַוייבֶּער, אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער - זָאלְן זַיין הֵיילִיג אוּן רֵיין.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, שְׁטֵיי עַל הַמִּשְׁמָר, גֶעבּ אַכְט אוֹיף אוּנְזֶער פְּלַאץ מֶען זָאל נִישְׁט קֶענֶען קוּקְן קַיין מָאוִויס.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ מַאכְן דִי קִיאַסְק זֵייעֶר בַּאקְוֶועם אַז דִי אִינְגֶעלַייט אוּן וַוייבֶּער זָאלְן קֶענֶען אַלֶעס בַּאשְׁטֶעלְן אוּן אַלֶעס עֶרְלֶעדִיגְן דָארְט, אַזוֹי וֶועט מֶען נִישְׁט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין שְׁטוּבּ דֶעם מַלְאַךְ הַמָּוֶת; דִי קִינְדֶער, דִי לוּפְט - וֶועט בְּלַייבְּן רֵיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אַרְבֶּעטְן אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז נִישְׁט בַּאקְוֶועם, צוּ בַּאצָאלְן דִי חוֹבוֹת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ג אִיָּר, ל״ח לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

כָּל זְמַן דוּ קוּמְסְט פַאר מֶענְטְשְׁן גֶעלְט, דוּ הָאסְט חוֹבוֹת; חוֹבוֹת מֵיינְט מֶען 'שׁוֹין אַרִיבֶּער דֶעם זְמַן הַפֵּרָעוֹן' - קֶענְסְטוּ נִישְׁט קוּקְן אוֹיף בַּאקְוֶועמְלִיכְקֵייטְן, דַארְפְסְט טוּן אַלֶעס זֵיי צוּ בַּאצָאלְן. אַז דוּ קוּמְסְט גֶעלְט

פַּאר מֶענְטְשְׁן - זָאלְסְטוּ אַרְבֶּעטְן אֲפִילוּ אִין צַייטְן וָואס אִיז דִיר נִישְׁט בַּאקְוֶועם, נָאר נָאכְדֶעם וָואס דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן צָאלְן דַיינֶע חוֹבוֹת, וֶועסְט נִישְׁט קוּמֶען פַּאר מֶענְטְשְׁן קַיין גֶעלְט - דֶעמָאלְט קֶענְסְטוּ קוּקְן אוֹיף בַּאקְוֶועמְלִיכְקֵייט.

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זֵייעֶר גֶעוָוארְנְט נִישְׁט צוּ הָאבְּן חוֹבוֹת, אָךְ אוּן וַויי וֶוער עֶס אִיז שׁוּלְדִיג גֶעלְט פַּאר מֶענְטְשְׁן; מֶען אִיז אַ קְנֶעכְט, דֶער מֹחַ אִיז פַּארְקְנֶעכְטֶעט, מֶען אִיז נִישְׁט קַיין מֶענְטְשׁ, אוּן וִוי גוּט אוּן וִוי זִיס אִיז וֶוען מֶען קוּמְט נִישְׁט קֵיינֶעם גָארְנִישְׁט, מֶען קֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ רוּאִיגֶע מֹחַ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### מֶען קֶען אַרְבֶּעטְן אוּן זַיין גוּט צוּגֶעבִּינְדְן צוּ דִי יְשִׁיבָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ג אִיָּר, ל"ח לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ג

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

נֶעמֶען אַ דְזְשַׁאבּ, מֵיינְט נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי יְשִׁיבָה.

מֶען קֶען זַיין אִין יְשִׁיבָה אוּן גָארְנִישְׁט הָאבְּן מִיט דִי יְשִׁיבָה, אוּן מֶען קֶען אַרְבֶּעטְן אוּן זַיין גוּט צוּגֶעבִּינְדְן צוּ דִי יְשִׁיבָה אוּן צוּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

דַארְפְסְט נִישְׁט זִיצְן אִין יְשִׁיבָה, נֶעם אַ גוּטֶע דְזְשַׁאבּ. אַז דוּ ווִילְסְט - קֶענְסְטוּ מִיךְ פְרֶעגְן אֵיידֶער דוּ נֶעמְסְט אַ דְזְשַׁאבּ, עֶס זָאל זַיין אַן עֶרְלִיכֶע פְּלַאץ מִיט עֶרְלִיכֶע אַרְבֶּעטֶערְס. אִינְדֶערְפְרִי וֶועסְטוּ דַאוְונֶען מִיט מִנְיָן, אוּן אַרְבֶּעטְן פְלַייסִיג, אוּן וֶוען דוּ וֶועסְט הָאבְּן צַייט - זָאלְסְטוּ אַרַיינְכַאפְּן אַ פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת אוּן אַ קַאפִּיטְל תְּהִלִּים, אַזוֹי וֶועסְטוּ בְּלַייבְּן צוּגֶעבִּינְדְן אִין יְשִׁיבָה.

אִיךְ ווִיל נָאר דַיין גוּטְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אײנֶער דַארְף נֶעמֶען אַחְרַיוּת אַז דֶער גִּלְיוֹן זָאל זַיין גוּט אִיבֶּערְגֶעטַייטְשְׁט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ד אִיָּר, ל״ט לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג
לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ דֶעם נַייעֶם גִּלְיוֹן פוּן חִינוּךְ וָואס אײנֶער הָאט אִיבֶּערְגֶעטַייטְשְׁט אוֹיף עֶנְגְלִישׁ; מֶען קֶען דָאס נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעבְּן נָאר אוֹיבּ עֶס אִיז דָא אײנֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס גֵייט דָאס אִיבֶּער אוּן נֶעמְט אַחְרַיוּת אוֹיף דֶעם אַז עֶס אִיז גוּט אִיבֶּערְגֶעטַייטְשְׁט.

פַארְבִּינְד זִיךְ מִיט קֶרֶן הַדְפָּסָה, זֵיי וֶועלְן אַייךְ גֶעבְּן נֶעמֶען וֶוער עֶס קֶען דָאס אִיבֶּערְקוּקְן אוּן זִיכֶער מַאכְן עֶס זָאל זַיין רִיכְטִיג אִיבֶּערְגֶעטַייטְשְׁט.

דֶער אײבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## שְׁמִירְט נִישְׁט דִי נֶעגְל

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ד אִיָּר, ל״ט לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג
לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

שְׁמִירְט נִישְׁט דִי נֶעגְל, בִּפְרַט יֶעצְט אִין דִי חֳדָשִׁים וָואס מֶען וַוארְט לְמַזָּל טוֹב - אִיז זִיכֶער נִישְׁט כְּדַאי זִיךְ שְׁמִירְן דִי נֶעגְל, אֲפִילוּ עֶס אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ חֲצִיצָה וְכוּ׳; דָאס וֶועט זַיין אַ זְכוּת פַאר אַייךְ צוּ הָאבְּן גְרִינְג אוּן מִיט נַחַת.

דֶער אײבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֶס אִיז נָארְמַאל אַז קְלֵיינֶע קִינְדֶער זָאלְן נִישְׁט וֶועלְן גֵיין אִין חֵדֶר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ד אִיָּר, ל״ט לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג
לִפְרָט קָטָן
**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דַארְפְּסְט נִישְׁט זַיין בַּאזָארְגְט אַז דַיין קְלֵיין קִינְד - וָואס דוּ הָאסְט יֶעצְט אָנְגֶעהוֹיבְּן שִׁיקְן אִין חֵדֶר - וֵויינְט אִינְדֶערְפְרִי, עֶר וִויל נִישְׁט גֵיין אִין חֵדֶר. אַזוֹי גֵייט עֶס בַּיי רוֹב קִינְדֶער, אִין אָנְהוֹיבּ וֶוען מֶען שִׁיקְט זֵיי אִין חֵדֶר - וִוילְן זֵיי נִישְׁט גֵיין, זֵיי וֵויינֶען, זֵיי פַארְפִירְן. אַ טֵייל בַּארוּאִיגְן זִיךְ נָאךְ אַפָּאר טֶעג, אוּן אַ טֵייל נֶעמְט עֶס לֶענְגֶער בִּיז זֵיי גֶעוואוֹינֶען זִיךְ צוּ.

גֶעבּ אַוֶועק יֶעדְן טָאג אַ שְׁטִיק צַייט אוּן בֶּעט פַאר דַיינֶע קִינְדֶער; קֵיינֶער אִיז נִישְׁט פַארְזִיכֶערְט, מֶען דַארְף רַחֲמֵי שָׁמַיִם מֶען זָאל הָאבְּן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֶס הָאט נִישְׁט מִיט מִיר, עֶר פָּאלְגְט מִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ד אִיָּר, ל״ט לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג
לִפְרָט קָטָן
**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעבּ אִיבֶּער פַאר דַיין מַאמֶע תִּחְיֶ׳ אוּן אוֹיךְ פַאר דִי יְשִׁיבָה - אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעבֶּעטְן צוּ דַיין בְּרוּדֶער עֶר זָאל צוּרִיק גֵיין אִין יְשִׁיבָה, עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג גֶעמַאכְט פוּן מִיר. אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט פוּן מִיר דִי אַלֶע טֶעג אִין מִירוֹן; עֶר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען טֶעג אוּן נֶעכְט אִינְדְרוֹיסְן פוּן מַיין אַכְסַנְיָא, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט: "גֵיי אַהֵיים, גֵיי אִין יְשִׁיבָה", עֶר הָאט מִיךְ נִישְׁט אוֹיסְגֶעהֶערְט.

זָאג פַאר דִי יְשִׁיבָה אַז דָאס הָאט נִישְׁט מִיט מִיר, עֶר פָאלְגְט מִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**זַיי מְחַזֵק דִי מְלַמְדִים זֵיי זָאלְן זַיין צַייטְלִיךְ, אַפָּאר מִינוּט פַאר דִי צַייט**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ד אִיָּר, ל״ט לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, זַיי מְחַזֵק דִי מְלַמְדִים אוּן דִי לֶערֶערִינְס זֵיי זָאלְן זַיין צַייטְלִיךְ, מֶען קֶען נִישְׁט זַיין אַ מְלַמֵד אוֹיבּ מֶען קוּמְט שְׁפֶּעט. (אַז עֶס מַאכְט זִיךְ אַמָאל אַן אוֹנֵס - אִיז אֵיין זַאךְ, אָבֶּער יוֹם יוֹם קוּמֶען שְׁפֶּעט - אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט), וִוי גֶעלוּנְגֶען דֶער מְלַמֵד זָאל נָאר זַיין, וִוי גֶעלוּנְגֶען דִי לֶערֶערִין זָאל זַיין; זָאלְסְטוּ נֶעמֶען אַ צְוֵוייטֶער מְלַמֵד אוּן אַ צְוֵוייטֶע לֶערֶערִין וָואס אִיז נִישְׁט אַזוֹי גֶעלוּנְגֶען, אוּן זֵיי וֶועלְן מֶער מַצְלִיחַ זַיין.

זַיי מְחַזֵק דִי מְלַמְדִים זֵיי זָאלְן זַיין צַייטְלִיךְ, צַייטְלִיךְ מֵיינְט אַפָּאר מִינוּט אֵיידֶער מֶען דַארְף זַיין, נָאר אַזוֹי וֶועט זַיין הַצְלָחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**נִישְׁט אַרַיינְטְרֶעטְן אִין אַ פְּלַאץ וואוּ עֶס דְרֵייעֶן זִיךְ לֵצִים**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ד אִיָּר, ל״ט לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, אֶלְעַד**

אוֹיף דַיין פְּרַאגֶע אוֹיבּ דוּ זָאלְסְט דַאוֶועןנֶען אִין אַ בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר שׁוּל וָואס אִיז נִישְׁט הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, אָדֶער נִישְׁט; דֶער עֶנְטְפֶער אִיז, עֶס וֶוענְדְט זִיךְ אוֹיבּ

דָארְט אִיז דָא לֵצִים; אוֹיבּ אִיז דָא דָארְט לֵצִים - זָאלְסְטוּ נִישְׁט אַרַיינְטְרֶעטְן דָארְט, וַוייל זֵיי וֶועלְן דִיךְ אָפְּקִילְן פוּן רֶבִּי׳ן, וֶועסְט בְּלַייבְּן אַן אָפְּגֶעפַּאטְשְׁטֶער מֶענְטְשׁ; דִי וֶועלְט וֶועסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן וַוייל נָאכְן טוֹעֶם זַיין פוּן דִי אוּנְגַארִישֶׁע וַויין וֶועט מֶען זֶען אַז דִי וֶועלְט אִיז נִישְׁט, אוּן יֶענֶע וֶועלְט וֶועסְטוּ נִישְׁט הָאבְּן - וַוייל דִי לֵצָנוּת, דִי גִיפְט וָואס דוּ וֶועסְט בַּאקוּמֶען בַּיי זֵיי - וֶועט דִיךְ נִישְׁט לָאזְן טוּן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן.

אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען בְּמֶשֶׁךְ דִי יָארְן אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ טֵייעֶרֶע אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן גֶעלֶערְנְט פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו), זֵיי הָאבְּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען, זֵיי זֶענֶען אַרוּם גֶעגַאנְגֶען מִיט אַ בֶּענְקֶענִישׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵייעֶר פָּנִים הָאט גֶעשַׁיינְט אוּן גֶעפְלַאמְט מִיט אַ שְׁטַארְקֶע דְבֵיקוּת; בִּיז עֶס אִיז אַרַיין אִין זֵיי לֵצָנוּת, אוּן הַיינְט זֶענֶען זֵיי טוֹיט, מֶען זֶעט אוֹיף זֵייעֶר פָּנִים אַ טוֹיטְקֵייט.

לֵצָנוּת אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער, זֵייעֶר שְׁרֶעקֶעדִיג; מֶען הֶערְט לֵצָנוּת אוּן מֶען קֶען מֶער נִישְׁט לֶעבְּן דִי תְּמִימוּת׳דִיגֶע לֶעבְּן, מֶען קֶען מֶער נִישְׁט מְקַבֵּל זַיין דִי זִיסֶע גוּטֶע עֵצוֹת.

אַז עֶס אִיז אַן עֶרְנְסְטֶער פְּלַאץ, עֶס זֶענֶען דָארְט נִישְׁטָא פוּן דִי לֵצִים - קֶענְסְטוּ דָארְט דַאוֶוענֶען, וֶועט דִיר דָאס נִישְׁט שָׁאטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן, אִיר וֶועט זֶען נַחַת בַּיי אַלֶע קִינְדֶער**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בַּמִדְבָּר, כ״ד אִיָיר, ל״ט לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

וֶוערְט נִישְׁט פַארְלוֹירְן, אִיר וֶועט זֶען נַחַת בַּיי אַלֶע קִינְדֶער אוּן בִּפְרַט בַּיי ... תִּחְיֶ׳.

זַייט מַמְשִׁיךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זַייט מַמְשִׁיךְ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן

דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל תְּפִלָּה און תּוֹדָה וְהוֹדָאָה - אִיז שְׁטֶערְקֶער פון אַלְצְדִינְג, מֶען זֶעט נִיסִים.

...

## נֶעם נִישְׁט קַיין בָּחוּרִים שְׁלָאפְן בַּיי דִיר אִין שְׁטוּב

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ד אִיָּר, ל״ט לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

נֶעם נִישְׁט קַיין בָּחוּרִים שְׁלָאפְן בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ; דַיין וַוייבּ שְׁרַייבְּט מִיר אַז זִי אִיז גֶעוֶוען אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אַ גַאנְץ שַׁבָּת וַוייל דוּ הָאסְט אַרַיינְגֶענוּמֶען בָּחוּרִים, זֵיי זֶענֶען גֶעשְׁלָאפְן בִּיז נָאךְ חֲצוֹת.

אֲפִילוּ וֶוען מֶען דַארְף שׁוֹין יָא נֶעמֶען גֶעסְט - הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַּאר רֶבִּי נָתָן - עֶר זָאל נֶעמֶען גֶעסְט וָואס עֶר וֶועט זֵיי קֶענֶען מְחַזֵּק זַיין, גֶעסְט וָואס וֵוייסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ אוֹיפְצוּפִירְן, נִישְׁט וָואס לֵייגְן זִיךְ אָן, שְׁלָאפְן בִּיזְן טָאג אַרַיין וְכוּ׳ וְכוּ׳.

אִיךְ הָאבּ אוֹיךְ גֶעהַאט אַמָאל בָּחוּרִים שְׁלָאפְן בַּיי מִיר, בִּיז מוֹהֲרָא״ש הָאט מִיר גֶעזָאגְט אִיךְ זָאל נִישְׁט נֶעמֶען בָּחוּרִים שְׁלָאפְן בַּיי מִיר. אוֹמֵר וְעוֹשֶׂה, יֶענֶע נַאכְט הָאבּ אִיךְ גֶעעֶפְנְט אַ דִירָה פַּאר בָּחוּרִים צוּ שְׁלָאפְן און מֶער נִישְׁט אַרַיינְגֶענוּמֶען בָּחוּרִים צוּ שְׁלָאפְן אִין מַיין דִירָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ מְלַמֵּד און אַ לֶערֶערִין דַארְפְן זַיין גוּט אוֹיסְגֶערוּט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ד אִיָּר, ל״ט לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

בְּנוֹגֵעַ וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט וְכוּ׳; אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט גֵיין שְׁלָאפְן צַייטְלִיךְ און קוּמֶען צַייטְלִיךְ אִין חֵדֶר, אַ מְלַמֵּד מוּז זַיין גוּט

אוֹיסְגֶערוּט, אַז נִישְׁט בַּא׳עַוָולְה׳ט עֶר דִי קִינְדֶער, אַזוֹי אוֹיךְ אַ לֶערֶערִין מוּז זַיין גוּט אוֹיסְגֶערוּט.

דֶער מְנַהֵל ... נֵרוֹ יָאִיר זָאגְט מִיר, עֶר הָאט אֵיין טָאג גֶעזֶען אַ קִינְד אִינְדְרוֹיסְן פוּן כִּתָּה, עֶר פְרֶעגְט דֶעם קִינְד: "וָואס גֵייט פָאר?" זָאגְט עֶר אַז דֶער מְלַמֵד הָאט אִים אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט. דֶער קִינְד וֵויינְט, עֶר זָאגְט: "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעטַייטְלְט מִיט דִי פִינְגֶער, אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט נֶעמֶען דִי צִיצִית אֵיידֶער קְרִיאַת שְׁמַע, אוּן דֶער מְלַמֵד הָאט מִיךְ אַרוֹיסְגֶעשִׁיקְט". דֶער מְנַהֵל הָאט זִיךְ אַבִּיסְל דֶערְשְׁרָאקְן וָואס גֵייט פָאר, קוֹדֶם הָאט עֶר גֶענוּמֶען דֶעם קִינְד אִין דֶער זַייט אוּן אִים גֶעמַאכְט בַּאשֶׁעפְטִיגְט אִין אָפִיס, שְׁפֶּעטֶער טְרֶעפְט עֶר דִיךְ אוּן עֶר פְרֶעגְט דִיר: "וֶוען בִּיסְטוּ גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן?" זָאגְסְטוּ דֶעם אֱמֶת: "זֵייעֶר שְׁפֶּעט", הָאט דֶער מְנַהֵל גֶעזָאגְט, יֶעצְט שְׁטִימְט שׁוֹין אַלֶעס; ווייל אַז מֶען גֵייט שְׁלָאפְן שְׁפֶּעט אִיז יֶעדֶע קְלֵיינֶע זַאךְ וָואס מֶען זֶעט בַּיי דִי קִינְדֶער - גֶעפֶערְלִיךְ.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, גֵיי שְׁלָאפְן צַייטְלִיךְ אוּן עֶס גוּט צוּ דֶער זֶעט, זָאלְסְט זַיין גוּט פְרֵיילִיךְ אוּן גוּט אוֹיסְגֶערוּט; וֶועסְטוּ זַיין דֶער בֶּעסְטֶער מְלַמֵד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דֶערְהַאלְטְס זִיךְ מִיט אַלֶע אַייעֶרֶע כֹּחוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ד אִיָר, ל"ט לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

טֵייעֶרֶער תַּלְמִידָה ... תְּחִיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, דֶערְהַאלְטְס זִיךְ מִיט אַלֶע אַייעֶרֶע כֹּחוֹת אוּן בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט זַיין פְרֵיילִיךְ.

אִיךְ וֶועל רֶעדְן מִיט אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, אַייךְ אָנְטְרָאגְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ. אִיר זֶענְט זֵייעֶר אַ טֵייעֶר קִינְד, אִיר זֶענְט פוּן דִי בֶּעסְטֶע תַּלְמִידוֹת פוּן בֵּית פֵּיגָא, אִיךְ הָאף אִיר וֶועט וַוייטֶער זִיךְ פִירְן אֵיידְל אוּן טֵייעֶר.

פוּן אַייעֶר רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

**וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז נִישְׁט צוּגֶעבִּינְדְן צוּם טֶעלֶעפָאן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ה אִיָּר, מ׳ לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מַזָּל טוֹב פַאְרן סִיּוּם מַסֶּכֶת כִּלְאַיִם יְרוּשַׁלְמִי, אוּן מַזָּל טוֹב פַאְרן מָארְגְנְדִיגֶע סִיּוּם מַסֶּכֶת סוֹטָה, אוּן דִי גְרֶעסְטֶע מַזָּל טוֹב פַאְרן אָנְהֵייבְּן מַסֶּכֶת גִּיטִין; יֶעצְט בִּזְמַן וָואס מֶען גְרֵייט זִיךְ אוֹיף קַבָּלַת הַתּוֹרָה - הוֹיבְּסְטוּ אָן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא, דָאס וֶועט דִיךְ אָפְּהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

שָׁבוּעוֹת וֶועל אִיךְ זַיין מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, אִיךְ וֶועל דַאוֶוענֶען אַלֶע תְּפִילּוֹת אִינֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוֹיף הָאשְׁקִי גַאס.

אוֹיךְ אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם זוּמֶער הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה וֶועל אִיךְ זַיין מִיט דִי בָּחוּרִים אִין שְׁטֶעטְל; דִי יָאר הוֹיבְּט זִיךְ אָן דִי קֶעמְפְּס מִיט אַ וָואךְ פְרִיעֶר, מֶען הוֹיבְּט אָן פַּרְשַׁת חֻקַּת בָּלָק. אִיךְ הָאף מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף צוּ גֶעבְּן שִׁיעוּרִים בְּמֶשֶׁךְ דִי זוּמֶער וָואכְן אִין ׳הֵיכַל רָאזֶענְבֶּערְג׳.

אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט אַ נֵייעֶ זַאךְ אִין יְשִׁיבָה, אִיךְ וִויל דוּ זָאלְסְט וִויסְן, מֶען קֶען נִישְׁט קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה נָאר מִיט אַ רֵיינֶעם טֶעלֶעפָאן. אִיךְ בֶּעט זִיךְ שׁוֹין בַּיי דִי בָּחוּרִים אַ לַאנְגֶע צַייט, יֶעצְט הָאבּ אִיךְ גֶעדַארְפְט טוּן לְמַעֲשֶׂה, אִיךְ הָאבּ גֶעדַארְפְט אַוֶועק שִׁיקְן סַיי בָּחוּרִים אוּן סֵיי אִינְגֶעלַייט וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ דָא אִין יְשִׁיבָה; מֶען קֶען נִישְׁט קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה מִיט אַ טֶעלֶעפָאן.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָאס פָארְאוֹיס, זָאלְסְט וִויסְן אַז אִיךְ מֵיין דִיךְ אוֹיךְ; מֶען קֶען נִישְׁט קוּמֶען אִין יְשִׁיבָה מִיט אַ טֶעלֶעפָאן.

אִיךְ הָאבּ נֶעכְטְן גֶעשְׁמוּעֶסְט בַּיי דִי שִׁיעוּר מִיט דִי בָּחוּרִים, זֵיי זָאלְן וִויסְן, וָואס דַיין וַוייבּ וֶועט נָאר פְּרוּבִּירְן צוּ טוּן זִי זָאל זַיין אִינְטֶערֶעסַאנְט

פַאר דִיר, וִוי אַזוֹי זִי וֶועט זִיךְ אָנְטוּן, וִוי שֵׁיין זִי וֶועט זִיךְ מַאכְן - וֶועט זִי נִישְׁט קֶענֶען קָאמְפִּיטְן מִיטְן טֶעלֶעפָאן. אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ טֶעלֶעפָאן וֶועט דָאס זַיין מֶער אִינְטֶערֶעסַאנְט, אוּן זִי וֶועט וַוארְטְן זָאלְסְט גֶעבְּן אַ בְּלִיק אוֹיף אִיר אוּן אִיר גֶעבְּן אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט, דִי שְׁטוּב וֶועט צֶעפַאלְן.

ווארוּיל אִיז דֶעם וָואס אִיז נִישְׁט צוּגֶעבִּינְדְן צוּם טֶעלֶעפָאן, עֶר אִיז צוּגֶעבִּינְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן צוּ דִי תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**דוּ לֶעבְּסְט נִישְׁט, בִּיסְט פַארְנוּמֶען רוֹב טָאג מִיט דַיין טֶעלֶעפָאן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ה אִיָּר, מ' לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וֶועל נִישְׁט זַיין בַּאלֵיידִיגְט אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ טְרֶעפְן אַ נֵייעֶם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אַ נֵייעֶם פְּלַאץ. אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן וָואס לִיגְט מִיר שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט אוֹיפְן הַאַרְץ, אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן דֶעם אֱמֶת; אַז דוּ לֶעבְּסְט נִישְׁט, דוּ בִּיסְט פַארְנוּמֶען רוֹב טָאג מִיט דַיין טֶעלֶעפָאן, מִיט שְׁטוּתִים וַהֲבָלִים, אוּן אַז דוּ פַארְשְׁטֵייסְט בֶּעסֶער - וֶוער אִיךְ נִישְׁט בַּאלֵיידִיגְט, אִיךְ וִויל אָבֶּער נִישְׁט זָאלְסְט קוּמֶען דָא אוּן זִיךְ דְרֵייעֶן צְוִוישְׁן מַיינֶע תַּלְמִידִים.

אִיךְ וִויל נִישְׁט זָאלְסְט קוּמֶען בַּיי מִיר אִין שׁוּל מִיט דַיין טֶעלֶעפָאן.

...

**יְיַשֶּׁר כֹּחַ פַארְ'ן מְנַדֵב זַיין דֶעם בִּנְיָן 'הֵיכַל רָאזֶענְבֶּערְג' אִין שְׁטֶעטְל**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ה אִיָּר, מ' לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶּׁר כֹּחַ פַארְן מְנַדֵב זַיין דֶעם בִּנְיָן פַאר דִי יְשִׁיבָה פַאר זוּמֶער,

און פַארְן עֶס עֶנְדִיגְן בוֹיעֶן, עֶס שַׁיין מַאכְן; אַזוֹי ווִי עֶס פַּאסְט פַאר אַ מָקוֹם תּוֹרָה.

אִיךְ ווִיל אַ נָאמֶען גֶעבְּן דֶעם בִּנְיָן: 'הֵיכַל רָאזֶענְבֶּערְג', און דִי אַלֶע טוֹיזְנְטֶער פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת און הוּנְדֶערְטֶער בְּלֶעטֶער גְמָרָא וָואס מֶען וֶועט לֶערְנֶען אִין דֶעם בִּנְיָן – וֶועט זַיין פַּאר דִיר אַ זְכוּת, עֶס וֶועט דִיר צוּנִיץ קוּמֶען בָּזֶה וּבַבָּא.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, אוֹיב דוּ קֶענְסְט צוּאַיילְן דִי אַרְבֶּעט, עֶס זָאל שׁוֹין זַיין גְרֵייט אוֹיף פַּרְשַׁת חֻקַּת בָּלָק, (דִי יָאר קוּמְט מֶען אִין קֶעמְפּ אַ וָואךְ פְרִיעֶר); מִיר דַארְפְן שׁוֹין דִי פְּלַאץ פַאר מָאנְטָאג פַּרְשַׁת חֻקַּת בָּלָק.

יֶעצְט אַז מֶען מַאכְט עֶס לוֹיטְן גֶעזֶעץ – דַארְף מֶען זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט בַּאהַאלְטְן וְכוּ'; אִיז כְּדַאי צוּ לֵייגְן פֶענְסְטֶערְס פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט, עֶס זָאל זַיין לִיכְטִיג און גֶעשְׁמַאק צוּ לֶערְנֶען, עֶס זָאל זִיךְ נִישְׁט שְׁפִּירְן ווִי מֶען אִיז פַארְשְׁפַּארְט.

אַז דוּ קוּמְסְט נִישְׁט אָן צוּ עֶנְדִיגְן דִי אַרְבֶּעט – אִיז נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ צוּ הָאבְּן רוּיעֶ וֶוענְט, אָבֶער דִי פְלָאר אִיז מִיר זֵייעֶר ווִיכְטִיג עֶס זָאל זַיין גֶעעֶנְדִיגְט. פַארְיָאר זוּמֶער הָאב אִיךְ זִיךְ מַמָּשׁ גֶעשְׁטִיקְט דִי אָטֶעם פוּן דִי שְׁטוֹיבּ, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ גֶעבְּן שִׁיעוּרִים אַז עֶס אִיז פַארְשְׁטוֹיבְּט. אִיךְ ווִיל זֵייעֶר זָאלְסְט דָאס עֶנְדִיגְן מִיט סֶערֶעמִיק טֵיילְס, דִי גְלַאנְצִיגֶע; וָואס מֶען קֶען גוּט וַואשְׁן און עֶס הַאלְט נִישְׁט קַיין שְׁטוֹיבּ.

מֶען עֶנְדִיגְט מָארְגְן מַסֶכֶת סוֹטָה און מֶען הוֹיבְּט אָן מַסֶכֶת גִיטִין, אַ שָׁאד אַז דוּ לֶערְנְסְט נִישְׁט יֶעדְן טָאג דֶעם בְּלַאט גְמָרָא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**דִי לֵיל שִׁשִׁי שִׁיעוּר זָאל נִישְׁט שְׁטֶערְן דִי צֶענְטְרַאלֶע מִנְיָן**
**מִנְחָה מַעֲרִיב**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ה אִיָּר, מ׳ לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

הֱיוֹת דִי וֶועכֶנְטְלִיכֶע לֵיל שִׁשִׁי שִׁיעוּר קוּמְט אוֹיס אִין דִי צַייט וָואס מֶען דַאוֶוענְט מִנְחָה מַעֲרִיב אוּן עֶס שְׁטֶערְט דִי צֶענְטְרַאלֶע מִנְיָן מִנְחָה מַעֲרִיב - וֶועט מֶען מַאכְן אַ טוּישׁ מִיטְן לֵיל שִׁשִׁי שִׁיעוּר. מֶען וֶועט מֶער נִישְׁט קֶענֶען מִיט הַאלְטְן דִי שִׁיעוּר אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, אִין שׁוּל וֶועט מֶען דַאוֶוענֶען מִנְחָה מַעֲרִיב. דִי שִׁיעוּר וֶועט פָארְקוּמֶען יֶעדְן לֵיל שִׁשִׁי אִין ׳הֵיכַל רָאזֶענְבֶּערְג׳ אוּם נַיין אַזֵייגֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**עֶס אִיז נַארִישׁ צוּ רֶעדְן בַּיי דִי בֶּעשָׁאוּ וואוּ מֶען גֵייט שִׁיקְן דִי**
**קִינְדֶער**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ה אִיָּר, מ׳ לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס מִיט דִיר אִיז גֶעשֶׁען, וָואס דַארְפְסְטוּ יֶעצְט בַּיי דִי בֶּעשָׁאוּ רֶעדְן וואוּ צוּ שִׁיקְן דִי קִינְדֶער, אִין וֶועלְכֶע מוֹסָד? עֶס אִיז דָאךְ נָאכְנִישְׁט דָא קַיין קִינְדֶער, עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט דָא קַיין שִׁידוּךְ; אִיז לַאכֶעדִיג צוּ רֶעדְן יֶעצְט וואוּ צוּ שִׁיקְן דִי קִינְדֶער.

וָואס וֵוייסְטוּ וָואס וֶועט זַיין מִיט דִיר? וָואס וֵוייסְטוּ וָואס וֶועט זַיין מִיט דַיין וַוייבּ?! וִויפִיל בָּחוּרִים הָאבְּן גֶעבְּרֶענְט פַארְן רֶבִּי׳ן אוּן נָאךְ דִי חֲתֻנָּה זֶענֶען זֵיי פַארְשְׁוִוינְדְן גֶעוָוארְן? אוּן פַארְקֶערְט, וְוִיפִיל כַּלּוֹת הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶענוּמֶען בַּיי דִי בֶּעשָׁאוּ אַז מֶען גֵייט נִישְׁט הָאבְּן מִיט בְּרֶסְלֶב אוּן הַיינְט

זֶענֶען זֵיי לֶערֶערִינְס בַּיים רֶבִּי׳ן, זֵיי זֶענֶען מַדְרִיךְ אַנְדֶערֶע מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן?

דֶערְמַאנְסְט מִיר אַ מַעֲשֶׂה, אַ אִיד קוּמְט אַהֵיים אוּן זָאגְט מִיט שִׂמְחָה עֶר הָאט גֶעקוֹיפְט אַ גוֹרָל וָואס מֶען קֶען גֶעוִוינֶען אַ קַאר. עֶס אִיז גֶעוָוארְן פְּרֵיילִיךְ אִין שְׁטוּב, אַלֶע הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן טַאנְצְן פַאר שִׂמְחָה, טַאטִי הָאט שׁוֹין כִּמְעַט אַ קַאר, מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן פוּנֶעם קַאר, וואוּ מֶען גֵייט אַלְץ פָּארְן אוּן וואוּ מֶען וֶועט אַלְץ גֵיין, בִּיז עֶס הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אַ קְרִיג צְוִוישְׁן דִי קִינְדֶער וֶוער עֶס בַּאקוּמְט דִי זִיץ נֶעבְּן דִי פֶּענְסְטֶער, דִי קִינְדֶער הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן טַעֲנָה׳עֶן, בִּיז מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן נוּצְן הֶענְט, מִיט וֵויינֶען אוּן גֶעשְׁרֵייעֶן, דֶער טַאטֶע הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּן גֶעשְׁרִיגְן הוֹיךְ: "אִיךְ צֵייל בִּיז דְרֵיי, יֶעדֶער גֵייט אַרוֹיס פוּן קַאר!" דֶער דִמְיוֹן הָאט זֵיי אַזוֹי וַוייט גֶעטְרָאגְן, בִּיז מֶען הָאט זִיךְ שׁוֹין צֶעקְרִיגְט, אֵיידֶער מֶען הָאט דִי קַאר...

דוּ הָאסְט נָאכְנִישְׁט קַיין שִׁידוּךְ, בִּיסְט אַן אֵיינְזַאמֶער מֶענְטְשׁ, נָאכְנִישְׁט דָא קַיין קִינְדֶער, אוּן יֶעצְט טוּסְטוּ קְלַאפְּן אוֹיפְן טִישׁ, שְׁטֶעלְסְט אַרָאפּ אַ פוּס אַז דוּ גֵייסְט שִׁיקְן דִי קִינְדֶער נָאר אִין בְּרֶסְלֶב... נָאר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה... נָאר הַפָּצָה...; וואוּ אִיז דַיין שֵׂכֶל?!

עֶס אִיז נַארִישׁ צוּ רֶעדְן בַּיי דִי בֶּעשָׂאוֹ וואוּ מֶען גֵייט שִׁיקְן דִי קִינְדֶער, מֶערְסְטְנְס קֶענְסְטוּ זָאגְן אַז דוּ הָאסְט חִיזוּק פוּן דִי שִׁיעוּרִים אוּן דוּ ווִילְסְט פָארְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אוּמַאן, אוּן זָאג קְלָאר אַז דוּ וֶועסְט פָארְן ׳נָאר אוֹיב דוּ וֶועסְט מַסְכִּים זַיין, נָאר מִיט דַיין ווִילְן׳; רֶעד מִיט שֵׂכֶל.

גֵיי צוּם שִׁידוּךְ מִיט שִׂמְחָה, אוּן מִיט חָכְמָה אוּן סַבְלָנוּת וֶועסְטוּ אַלֶעס פּוֹעֵל׳ן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### שִׁיקְט אִין אַן עֶרְלִיכֶע מוֹסָד, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין סְתִּירָה מִיט הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ה אִיָּר, מ' לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק**
**מָרַת ... תִּחְיֶ', מָאנְסִי**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

שִׁיקְט אַייעֶר טָאכְטֶער אִין דִּי ... שׁוּלֶע, גֶעבְּט פַּאר אַייעֶרֶע קִינְדֶער דִּי בֶּעסְטֶע חִינוּךְ; ... אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶע מוֹסָד אוּן זֵייעֶר אַ גוּטֶע חִינוּךְ. לֵייגְט נִישְׁט אַייעֶר טָאכְטֶער אִין סְתַּם אַבִּי אַ מוֹסָד, דִּי אַלֶע וָואס זוּכְן מֶער לִיבֶּערַאלֶע מוֹסְדוֹת פַּאר זֵייעֶרֶע קִינְדֶער - שְׁפֶּעטֶער הָאט מֶען זֵייעֶר חֲרָטָה, שְׁפֶּעטֶער קוּמֶען דִּי טֶעכְטֶער מִיט הַשָּׂגוֹת וָואס מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן מִיט זִיךְ.

עֶס אִיז נִישְׁט קַיין סְתִּירָה מִיט הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ. דֶעם רֶבִּינְ'ס לִימוּדִים גֵייט מִיט אַלֶע עֶרְלִיכֶע קְהִלּוֹת בְּיִשְׂרָאֵל, דֶער רֶבִּי אִיז אוּנְז מְחַזֵּק מִיר זָאלְן נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן וֶוען מֶען זֶעט אַז עֶס גֵייט נִישְׁט, וֶוען מֶען פַאלְט, דֶעם רֶבִּינְ'ס לִימוּד אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין סְתִּירָה מִיט דִּי עֶרְלִיכֶע קְהִלּוֹת.

אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ מִשְׁפָּחָה וָואס שִׁיקְן אִין דֶעם מוֹסָד. מַיין וַוייבְּ'ס זֵיידֶע אִיז גֶעוֶוען אַ פְּלַאם פֵייעֶרְדִיגֶער בֶּעלְזֶער חָסִיד, עֶר הָאט קִינְדֶער יְרֵאִים וּשְׁלֵמִים וָואס שִׁיקְן אִין דִּי מוֹסָד, עֶס אִיז גָאר אַ גוּטֶער מוֹסָד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אִיךְ מַאךְ נִישְׁט קַיין סִידּוּר קִידּוּשִׁין

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ה אִיָּר, מ' לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ג לפ"ק**
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

דַיין מְחוּתָּן אִיז גֶעוֶוען בַּיי מִיר, עֶר וִויל מִיךְ מְכַבֵּד זַיין מִיט סִידּוּר קִידּוּשִׁין. אִיךְ הָאבּ אִים אָפְּגֶעזָאגְט; אִיךְ מַאךְ נִישְׁט קַיין סִידּוּר קִידּוּשִׁין, אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין רֶבִּי אוּן נִישְׁט קַיין רָב, אִיךְ טוּ נִישְׁט דִּי זַאכְן. נָאר אִין יְשִׁיבָה -

דָארְט טוּ אִיךְ אַלֶעס, וַוייל אִיךְ ווִיל אַריינְבְּרֶענְגֶען אִין מַיינֶע תַּלְמִידִים זָאלְן לֶעבְּן ווִי אִידְן, זִיךְ פִירְן ווִי עֶרְלִיכֶע אִידְן, נִישְׁט נָאכְמַאכְן דִי גוֹיִם, נִישְׁט אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט פַאר זַאכְן וָואס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס; דֶערִיבֶּער אַז מֶען מַאכְט חֲתוּנָה אִין יְשִׁיבָה - גֵיי אִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיין וֶועג.

אוֹיךְ אִיז מִיר שְׁוֶוער צוּ גֵיין צוּ שְׂמְחוֹת, אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְנוּמֶען; אִיךְ גֵיי נָאר צוּ מִשְׁפָּחָה שְׂמְחוֹת וואוּ אִיךְ דַארְף גֵיין, אוּן אוֹיךְ אִין יְשִׁיבָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**דִי גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה אִיז אַז מֶען אִיז נִישְׁט קַיין גוֹי**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ו אִיָּר, מ״א לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סוֹף סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת): ״מַעֲשֶׂה הָיָה בְּצַדִּיק אֶחָד״, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ צַדִּיק, ״שֶׁנָּפַל עָלָיו עַצְבוּת״, וָואס אִיז אַריינְגֶעפַאלְן אִין אַ דֶעפְּרֶעסְיֶע, ״וְהָעַצְבוּת כְּשֶׁמִּתְגַּבֶּרֶת עַל הַצַּדִּיק״, אוּן וֶוען עֶס פַאלְט אַרוֹיף אַ דֶעפְּרֶעסְיֶע אוֹיף אַ צַדִּיק - ״הִיא קָשָׁה מְאֹד עָלָיו״, אִיז דָאס זֵייעֶר שְׁוֶוער, ״כִּי עָלָיו מִתְחַזֶּקֶת בְּיוֹתֵר״, וַוייל אוֹיף אַ צַדִּיק אִיז זִיךְ דָאס מִתְגַּבֵּר מֶער ווִי אוֹיף סְתָּם אַ מֶענְטְשׁ, בִּיז דֶער צַדִּיק הָאט זִיךְ מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעקֶענְט רִירְן פוּן פְּלַאץ. ״וְרָצָה לְשַׂמֵּחַ עַצְמוֹ״, דֶער צַדִּיק הָאט זֵייעֶר גֶעוָואלְט זִיךְ פְרֵיילִיךְ מַאכְן, ״וּלְהָרִים עַצְמוֹ״, עֶר הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט אוֹיפְהֵייבְּן, ״וְלֹא הָיָה אֶפְשָׁר לוֹ בְּשׁוּם דָּבָר״, אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעטְרָאפְן קַיין שׁוּם זַאךְ מִיט וָואס צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, ״כִּי בְּכָל דָּבָר שֶׁרָצָה לְשַׂמֵּחַ עַצְמוֹ״, וַוייל יֶעדֶע זַאךְ מִיט וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט פְרֵיילִיךְ מַאכְן - ״מָצָא לוֹ הַבַּעַל דָּבָר בְּתוֹכוֹ עַצְבוּת״, הָאט דֶער בַּעַל דָּבָר גֶעטְרָאפְן עֶפֶּעס מִיט וָואס אִים צוּ מַאכְן טְרוֹיעֶרִיג.

״וְהִתְחִיל לְשַׂמֵּחַ עַצְמוֹ בְּשִׂמְחַת ׳שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי׳״, בִּיז דֶער צַדִּיק הָאט

זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן פְרֵייעֶן בְּשִׂמְחַת 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי', עֶר הָאט זִיךְ גֶעפְרֵיידְט מִיט דֶעם אַז עֶר אִיז נִישְׁט קַיין גוֹי; דָאס אִיז דָאךְ אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, וַוייל אֲפִילוּ ווי נִידְרִיג, ווי גֶעפַאלְן אַ אִיד זָאל נָאר זַיין - אִיז עֶר נָאכְאַלְץ נִישְׁט קַיין גוֹי! אֲפִילוּ דֶער גֶעפַאלֶענֶער אִיד, הַפָּחוֹת שֶׁבַּפְּחוּתִים, דֶער קְלֶענְסְטֶער פוּן דִי קְלֶענְסְטֶע - אִיז נָאכְאַלְץ טוֹיזְנְטֶער מָאל מֶער אוּן הֵיילִיגֶער פוּן אַ גוֹי.

דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס מַאכְט פְרֵיילִיךְ, אַנְדֶערֶע זַאכְן קֶען דֶער יֵצֶר הָרָע צֶעבְּרֶעכְן; דֶער יֵצֶר הָרָע קֶען טְרֶעפְן אִין יֶעדֶע זַאךְ חֶסְרוֹנוֹת, אָבֶּער מִיט דִי שִׂמְחָה פוּן 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי' - דָאס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף מִיר אוּן מִיר נִישְׁט גֶעמַאכְט פַאר אַ גוֹי'; בַּיי דֶעם קֶען דֶער יֵצֶר הָרָע נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן.

דֶער רֶבִּי פִּירְט אוֹיס דִי מַעֲשֶׂה, אַז דֶער צַדִּיק הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מְחַיֶּ' זַיין מִיט דֶעם, עֶר אִיז גֶעוָוארְן מֶער אוּן מֶער פְרֵיילִיךְ, בִּיז עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ דִי שִׂמְחָה וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעהַאט בְּשָׁעַת עֶר אִיז אַרוֹיף אִין הִימְל מְקַבֵּל זַיין דִי לוּחוֹת, עַיֵּין שָׁם דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה בַּאֲרִיכוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אִיר זָאלְט שְׁפִּילְן מִיט דִי וָואס ווילְן שְׁפִּילְן מִיט אַייךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ו אִיָּיר, מ"א לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**צוּ דִי טֵייעֶרֶע תַּלְמִידָה ... תְּחִיֶ', תַּלְמִידָה בֵּית פֵיגָא לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

לַאכְט זִיךְ אוֹיס, מַאכְט זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג. גֶעדֶענְקְט דֶעם כְּלַל וָואס מוֹהֲרַ"ש הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט: 'אוֹיבּ אֵיינֶער ווִיל מִיךְ נִישְׁט - דַארְף אִיךְ אִים טוֹיזְנְט מָאל נִישְׁט'. אוֹיבּ דִי שְׁכֵנִים מֵיידְלֶעךְ ווִילְן נִישְׁט שְׁפִּילְן מִיט אַייךְ - זָאלְט אִיר זִיךְ נִישְׁט צוּטוּן מַאכְן פוּן דֶעם, אִיר זָאלְט שְׁפִּילְן מִיט אַלֶעמֶען, אִיר זָאלְט שְׁפִּילְן מִיט דִי וָואס ווילְן שְׁפִּילְן מִיט אַייךְ.

איר קֶענְט שְׁפִּילְן מִיט יוּנְגֶערֶע קִינְדֶער, מִיט דִי אַלֶע וָואס מַאכְן נִישְׁט קַיין מַחֲלֹקֶת.

הֶעלְפְּט אַייעֶר מַאמֶע, אִיר הָאט זֵייעֶר אַ טֵייעֶרֶע מַאמֶע, אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען זֵייעֶר טֵייעֶר.

אוֹיךְ הֶער אִיךְ פוּן דִי מְנַהֶלֶת תְּחִיֶ׳ אוֹיף אַייךְ זֵייעֶר שֵׁיינֶע זַאכְן, אִיר זֶענְט פוּן דִי קִינְדֶער וָואס פִירְן זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, אִיר זֶענְט צוּפְרִידְן מִיט אַלֶעס וָואס מֶען מַאכְט אִין סְקוּל, אִיר רֶעדְט זִיךְ נִישְׁט אָפּ.

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַייעֶר גוּטֶע אוֹיפְפִירוּנְג, אִיר מַאכְט מִיר נַחַת.

...

## אַ מַאן וָואס לֶערְנְט אוּן הָאט יִרְאַת שָׁמַיִם, אִיז מֶער וִוי קְלֵיידֶער אוּן צִירוּנְג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ו אִיָּיר, מ״א לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תְּחִיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַז אִיר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַ מַאן וָואס לֶערְנְט אוּן ווִיל זַיין גַאנְץ לֶעבְּן נָאר לֶערְנֶען - זָאלְט אִיר נָאר דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דָאס זֵייעֶר שֶׁעצְן.

עֶס אִיז כְּדַאי צוּ לֶעבְּן מֶער אוֹיף דִי פָּשׁוּט׳עֶ זַייט. אַ מַאן וָואס לֶערְנְט אוּן פִירְט זִיךְ מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם - אִיז מֶער וִוי קְלֵיידֶער אוּן צִירוּנְג; אִין אָנְהוֹיבּ אִיז טַאקֶע שְׁוֶוער, עֶס אִיז נִישְׁטָא גֶעלְט פַאר זַאכְן וָואס מֶען דַארְף, אָבֶּער בַּיים סוֹף וֶוערְט זֵייעֶר זִיס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### מִיט שִׂמְחָה וֶועט זִיךְ עֶפֶענֶען דִי הִימְל און אִיר וֶועט זֶען נִיסִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ו אִיָּיר, מ״א לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

זָארְגְט נִישְׁט, אִיר וֶועט הָאבְּן קִינְדֶער. אֵיין זַאךְ דַארְפְט אִיר טוּן, זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ, מִיט שִׂמְחָה וֶועט זִיךְ עֶפֶענֶען דִי הִימְל און אִיר וֶועט זֶען נִיסִים.

אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן פַאר אַייךְ אִין מִירוֹן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי שִׁמְעוֹן און בַּיי אַלֶע צַדִיקִים.

וֶוערְט נִישְׁט נֶערְוֶועז וֶוען אַייעֶר מַאמֶע זָאגְט אַייךְ אִיר זָאלְט עֶסְן דָאס, און דָאס נִישְׁט; מֵייעֶרְן יָא און אִיגֶערְקֶעס נִישְׁט, מִילְךְ נִישְׁט, נָאר דָאס און נָאר יֶענְץ. אִיר דַארְפְט וִויסְן אַז אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן זֶענֶען זֵייעֶר בַּאזָארְגְט פַאר אַייךְ, זֵיי ווִילְן שׁוֹין הֶערְן גוּטֶע נַייעֶס. זֵיי מֶעגְן זָאגְן און אִיר זָאלְט זֵיי מְכַבֵּד זַיין מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס דֶרֶךְ אֶרֶץ.

נָאר שִׂמְחָה; טַאנְצְט, פַּאטְשְׁט, זִינְגְט און נָאךְ זַאכְן וָואס מַאכְט פְרֵיילִיךְ.

...

### עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, אִיז דִי אֱמֶתְ׳עֶ עֲשִׁירוּת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ו אִיָּיר, מ״א לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ טְרַאכְט אִיךְ דַארְף דִיר שְׁרַייבְּן אַ גְרוּס פוּן דַיין טֵייעֶרֶער זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר, אַזַא טֵייעֶרֶער בָּחוּר מִיט אַלֶע מַעֲלוֹת, גוּטֶע מִדוֹת, אַ גוּטֶע הַארְץ, מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם. אִיךְ בִּין זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן אִים, ווָאוּיל זֶענֶען דִי עֶלְטֶערְן פוּן אַזַא קִינְד.

עֶס וֶועט נִישְׁט לַאנְג נֶעמֶען און עֶר וֶועט טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ און אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶעם שְׁטוּבּ.

מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען גֶעלְט מַאכְט פְרֵיילִיךְ, מֶען לוֹיפְט נָאךְ גֶעלְט, מֶען קוּקְט אַרוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן מִיט גֶעלְט. אָבֶּער בֶּאֱמֶת, וָואס הָאט מֶען פוּן גֶעלְט? וָואס קֶען מֶען דֶען הָאבְּן פוּן גֶעלְט? עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער - דָאס אִיז עֲשִׁירוּת.

שְׁטַארְק זִיךְ, נָאךְ אַבִּיסְל קוּמְט גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

...

דַיין זוּן׳ס רֹאשׁ יְשִׁיבָה

...

### אוֹיבּ מֶען גֵייט אַוֶועק פוּן דִי עֶלְטֶערְנְ׳ס וֶועג, וָואס וֶועט זַיין מִיט דִי קִינְדֶער?

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ו אִיָּר, מ״א לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ג תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ גֵיין אִין דִי וֶועג פוּן דִי עֶלְטֶערְן, אַזוֹי בְּלַייבְּט מֶען עֶרְלִיךְ אוּן דִי דוֹרוֹת בְּלַייבְּן עֶרְלִיךְ. אוֹיבּ מֶען גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועג פוּן דִי עֶלְטֶערְן - וָואס וֶועט זַיין מִיט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער, אֵיינִיקְלֶעךְ אוּן אוּר אֵיינִיקְלֶעךְ...

אַז אַייעֶר בַּאבֶּע זָאגְט אַייךְ אִיר זָאלְט נָאר גֵיין מִיט דִי פוּסְטֶע (סְקוּרְ״ט) וָואס וְכוּ׳ - זָאלְט אִיר אַזוֹי גֵיין.

מִיר דַארְפְן אַלְץ צוּרִיק גֵיין אַפָּאר טְרִיט פוּן דִי עֶק פוּן צְנִיעוּת, אַז דִי קוּמֶענְדִיגֶע דוֹרוֹת זָאלְן נָאךְ זַיין בִּצְנִיעוּת. וַוייל דִי דוֹרוֹת פַאלְן דָאךְ, אוּן אַז מִיר וֶועלְן זִיךְ אָנְטוּן מַמָּשׁ בַּיים עֶק, צְווִישְׁן צְנִיעוּת אוּן נִישְׁט צְנִיעוּת - וָואס וֶועט זַיין מִיט אוּנְזֶערֶע דוֹרוֹת...

זַייט פְרֵיילִיךְ, הֶערְט זִיךְ צוּ צוּ לֶעבֶּעדִיגֶע מוּזִיק. שִׂמְחָה אִיז טַאקֶע נִישְׁט קַיין מִצְוָה, אָבֶּער עֶס בְּרֶענְגְט צוּ דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגוֹת.

לֶערְנְט גוּט הִלְכוֹת שַׁבָּת. נָאךְ אַבִּיסְל גֵייט אִיר אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שְׁטוּבּ, דַארְפְט אִיר וִויסְן אַלֶע הֲלָכוֹת וָואס מֶען מֶעג טוּן שַׁבָּת אוּן וָואס נִישְׁט.

הֶערְט זִיךְ גוּט צוּ וֶוען מֶען לֶערְנְט אִין שׁוּלֶע (סְקוּל) - הֲלָכוֹת, דָאס וֶועט אַייךְ צוּנִיץ קוּמֶען אַייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פַאר קִינְדֶער

## יֶעדֶע זַאךְ אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶן

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר הָאבְּן שׁוֹין אַ לַאנְגֶע צַייט נִישְׁט דֶערְצֵיילְט מַעֲשִׂיוֹת, מִיר הָאבְּן גֶעזוּכְט אַ גוּטֶער מֶעלֶער וָואס וֶועט מָאלְן שֵׁיינֶע בִּילְדֶער. יֶעצְט נָאךְ אַסַאךְ תְּפִילוֹת הָאבְּן מִיר גֶעפוּנֶען אַ גֶעלוּנְגֶענֶע מֶעלֶער וָואס וֶועט אַייךְ מָאלְן שֵׁיינֶע בִּילְדֶער; וֶועלְן מִיר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ׳ס הִילְף דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיוֹת וָואס וֶועט אַייךְ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

”אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, נִישְׁטָא קַיין שׁוּם זַאךְ וָואס פַּאסִירְט אַלֵיינְס”; דִי וֶוערְטֶער חַזֶר׳ט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל. עֶר שְׁפַּאצִירְט מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים אוּן זָאגְט אִיבֶּער דִי וֶוערְטֶער נָאכְאַמָאל אוּן

נָאכְאַמָאל: "וָואס מֶען זֶעט אוּן וָואס עֶס פַּאסִירְט, אַלֶעס, אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אַלֶעס אִיז אָנְגֶעשְׁרִיבְּן פוּן הִימְל, אַלֶעס רוּפְט מֶען אוֹיס אִין הִימְל; אֲפִילוּ אַ שְׁטְרוֹי וָואס פַאלְט פוּן וָואגְן אוּן אֲפִילוּ אַ פֵייגְל וָואס וֶוערְט פַארְכַאפְּט אִינֶעם נֶעץ, אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער".

דִי זוּן שַׁיינְט, עֶס אִיז הַיינְט אַ שֵׁיינֶע וֶועטֶער, אַ שֵׁיינֶע בְּלוֹיעֶ הִימְל, עֶס צֶעבְּלָאזְט זִיךְ אַ קִילֶע ווִינְטְל אוּן עֶס פַאלְן בְּלֶעטְלֶעךְ פוּן בּוֹים. דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אָטֶעמְט אַרַיין דִי פְרִישֶׁע לוּפְט אוּן שְׁרֵייט אוֹיס הוֹיךְ: "שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר דִי פְרִישֶׁע לוּפְט", אַלֶע תַּלְמִידִים זָאגְן נָאךְ שְׁטִילֶערְהֵייט: "שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר דִי פְרִישֶׁע לוּפְט", דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זָאגְט נָאכְאַמָאל: "טֵייעֶרֶע תַּלְמִידִים, אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ אַ בְּלֶעטְל פַאלְט נִישְׁט אַרָאפּ פוּן בּוֹים אָן קַיין חֶשְׁבּוֹן, נָאר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט עֶס זָאל אַרָאפְּפַאלְן".

דִי תַּלְמִידִים טְרַאכְטְן, ווִי קֶען דָאס זַיין? אִיז דָאס טַאקֶע אַזוֹי? אַ בְּלֶעטְל פַאלְט נִישְׁט פוּן בּוֹים סְתָּם


דֶער וָוערֶעמְל אִיז זִיךְ מְחַיֶּ'...

אַזוֹי? "רֶבִּי, גֶעבְּט אוּנְז צוּ פַארְשְׁטֵיין - זָאגְט אַ דְרֵייסְטֶער תַּלְמִיד - אִיז דָאס טַאקֶע אַזוֹי, אַז דִי בְּלֶעטְלֶעךְ פַאלְן אַרָאפּ פוּן בּוֹים מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן? וָואס פַאר אַ חֶשְׁבּוֹן אִיז דָא מִיט בְּלֶעטְלֶעךְ? וֶועם אִינְטֶערֶעסִירְט וואוּ דִי בְּלֶעטְלֶעךְ פַאלְן?"

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זָאגְט: "קוּמְט מִיט מִיר, אִיךְ וֶועל אַייךְ וַוייזְן עֶפֶּעס גָאר אִינְטֶערֶעסַאנְט". דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב שְׁפַּאצִירְט וַוייטֶער, עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ אָפּ אוּן זָאגְט פַאר דִי תַּלְמִידִים: "דָא לִיגְט אַ הוּנְגֶערִיגֶע וֶוערֶעמְל וָואס זוּכְט עֶסְן אוּן טְרֶעפְט נִישְׁט, דָאס וֶוערֶעמְל הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ קְרִיכְן, זִי בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן 'הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, גֶעבּ מִיר עֶפֶּעס עֶסְן', מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער עֶס זָאל בְּלָאזְן אַ ווִינְט אוּן אַ בְּלֶעטְל פַאלְט אַרָאפּ פוּן בּוֹים אוּן דֶער ווִינְט טְרָאגְט עֶס בִּיזְן וָוארֶעם אוּן דִי וָוארֶעם דְרֵייט אֵיין דָאס בְּלֶעטְל אוּן זָאגְט 'שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער'".

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, אוֹיבּ מֶען צֶעקְלַאפְּט זִיךְ, אָדֶער מֶען צֶעקְלֶעמְט זִיךְ, אָדֶער עֶפֶּעס פַּאסִירְט - וֵויסְן מִיר אַלֶע אַז אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.